YIDDISH BOOK CENTER NEWSPAPERS COLLECTION
NUMBER KC5780-185mfv03i41

GERECHTIGKEIT (YIDDISH JUSTICE)

Volume 3 Issue 41
October 1921

THE KHEEL CENTER FOR LABOR-MANAGEMENT
DOCUMENTATION AND ARCHIVES
CORNELL UNIVERSITY LIBRARY

YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

This collection was made possible with the support of
Abby Joseph Cohen and David M. Cohen.

Gerechtigkeit (Vol. 3, Iss. 41)

Keywords

International Ladies' Garment Workers' Union, ILGWU, Gerechtigkeit, labor unions, clothing workers, textile workers, garment workers, garment industry, New York, United States, Yiddish, Jewish

Comments

Justice was the official publication of the International Ladies' Garment Workers' Union ILGWU from 1919 to 1995. Editions of *Justice* were published in English, Italian, Spanish, and Yiddish. When compared side by side, the content of some of these different editions of *Justice* shows significant differences. *Gerechtigkeit* was the Yiddish-language edition of *Justice*.

This article is available at DigitalCommons@ILR: https://digitalcommons.ilr.cornell.edu/gerechtigkeit/75

GERECHTIGKEIT (JUSTICE)

גערעכטיגקייט

בצדקתי החזקתי
ולא ארפה.
(איוב, כ״ז, 6).
אז מיין גערעכטיג־
קייט האלט איך זיך
שטארק, און וועל
איהר ניט אפלאזען.

ארבייטער פון אלע
לענדער, פאראיי־
ניגט אייך, און די
וועלט וועט זיין
אייערע!

אפיציעלער ארגאן פון דער אינטערנעשאנאל לײדיס גארמענט װארקערס יוניאן

Vol. III. No. 41. New York, Friday, Oct. 7, 1921. פרייטאג, דעם 7טען אקטאבער, 1921. PRICE 3 CENTS

די נייע אייגענע היים פון לאקאל 48

אונזער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד ווערט געלאדען אפיציעל צו עפענען די בילדינג. — צו דער געלעגענהייט ווערט געגעבען א דינער און באנקעט פאר׳ן גאנצען דזשאינט באארד פון דער קלאוקמאכער יוניאן. — פאסיגע רעדען פול מיט ענטוזיאזם ווערען דערביי געהאלטען.

לאקאל 48 איז אונזער איטאליענישע קלאוקמאכער יוניאן. דער לאקאל איז אנ־געשלאסען צום דזשאינט באארד און איז איינער פון די שטארקסטע און רייכע לא־קאלס אין דער קערפערשאפט.

נאך מיט א פאר יאר צוריק, האט דער לאקאל געקויפט א בילדינג, פאר זיינע אפיסעס, און איצטער איז אויף דעם פלאץ פון יענער בילדינג אויסגעבויט געווארען א נייע בילדינג, פינף שטאק הויך, מיט אלע נייע און לעצטע איינריכטונגען, און פון שעהנער ארכיטעקטור. די ביל־דינג איז אזוי שיין און צוציענד, דאס קיינער קאן איר ניט פארביינגעהן און זיך ניט אפשטעלען א קוק טאן. אויפ׳ן פראנט פון בילדינג זיינען דא אויסגעהאקטע פי־גורען, סימבאלען פון א ר ב י י ט און א י י נ י ג ק י י ט, און ווער עס געהט נאר פארביי, קאן גלייך זעהן, אז דאס איז ניט קיין געוויינליכער אפיס ביל־דינג; מען קאן גלייך זעהן, אז דאס איז אן ארבייטער־טעמפעל, וואס איז אויפגע־בויט געווארען פון ארגאניזירטע ארביי־טער. אויף די מארמאר־שטיין איבער׳ן אריינגאנג איז אויסגעקריצט: „איטאליע־נישער יוניאן־צענטער.״ די בילדינג גע־פינט זיך אין 231 איסט 14טע סט., צווי־שען צווייטע און דריטע עוועניוס. די בילדינג איז צו גרויס פאר דעם איין לא־קאל, און ער האט אריינגענומען פאר „טענענטס״ אנדערע צוויי פון די גרויסע לאקאלס פון דעם דזשאינט באארד, לא־קאל 10, די קאטערס יוניאן און לאקאל 23, די סקוירט און דרעס מאכער יוניאן.

לאקאל 48 האט איינגעלאדען דעם דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד פון אונ־זער אינטערנעשאנאל, אפיציעל צו עפע־נען די נייע היים זיינע, און דאס איז פארגעקומען פרייטאג אין דער פריה, דעם 30טען סעפטעמבער.

ווי אונזערע לעזער ווייסען, האט יענע וואך דער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד אפגעהאלטען זיין פערטעל יעהרליכען מי־טינג, אין פילאדעלפיע, און ער איז ספע־ציעל געקומען אין ניו יארק, פארלעדי־גענדיג זיינע זיצונגען אין דער נייער היים פון לאקאל 48, און מיט דעם איז די ביל־דינג אפיציעל געעפענט געווארען פון דזשע. עקז. באארד. דאס איז געטאן געווא־

(שלוס אויף זייט 4)

די לאגע ביי די שניידער אין פאריז

(פון א פריוואט־בריף צו פרעזידענט שלעזינגער)

טייערער פריינד:

... ביי אונז האלטען מיר מיט גרוים מיה איין דאס, וואס מיר האבען זיך ערוואר־בען מיט דריי יאהר צוריק. אייגענטליך, „מיר האלטען איין״ איז ניט אינגאנצען ריכטיג. מיר זענען נאר ניט שולדיג. עס האלט זיך. זאלען אונז די באלעבאטים אטאקירען, וועט אונז זעהר שווער זיין זיך צו פארטיידיגען. ערשטענס איז שוין מעהר ווי א יאהר, אז אין שניידער פאך הערשט א גרויסער קריזיס, מע געהט ניט אינגאנצען ארום אהן ארבייט, נאר מען ארבייט אבער אויך ניט; צווייטענס איז דער עמיגראציאנס שטראם פון פוילען, ניט קוקענדיג אויף אלע שטערונגען וואס די רעגירונג שאפט, רעלאטיוו גרויס. עס קומען אהער עלעמענטען, ניט די בעסערע פונ׳ם ארבייטער קלאס. דער 8־שטונדיגער ארבייטס־טאג, די ענגלישע וואך, דער סינדיקאלער טאריף — דאס איז זאכען, פון וועלכע זיי ווילען ניט וויסען. זיי צעהלען אויף פוילישע מארקעס, און עס פארשטעהט זיך אז זיי דוכט זיך אויס, אז זיי קריגען א מאיאנטעק מיט געלד פאר זייער ארבייט. נו, וואס פארשטעהט איהר ניט, צו וואס דארף מען האבען די חברה פון סינדיקאט? אויף א נוטע כפרה! דריטענס, און דאס איז נאך מיין מיינונג דאס ערגסטע, מיר לעבען איבער א גרויסען מאראלען קריזיס. די דעמא־ביליזירטע ביסעל פראנצויזישע שניידער האבען זיך ארומגעזעהען, אז בעת זיי זיי־נען געווען אין די טרענטשעס און האבען זיך געשלאגען מיט׳ן „באש״, האבען מיר דא געארניט געטאן: 8־שטונדיגער ארבייטס טאג, ענגלישע וואך, געהעכערט און אוועקגעשטעלט א סינדיקאלען טאריף (פריהער האט קיין טאריף ניט עקזיס־טירט), א מינימאלער ארבייטס־לוין — דאס אלץ איז נאר נים. מיר האבען גע־דארפט מאכען די סאציאלע רעוואלוציע און אז מיר האבען זי ניט געמאכט, זע־נען מיר פאררעטער פון ארבייטער קלאס. אלץ מוז געביטען ווערען! אויף א באר־פעהל פון א לאנד, וועלכע איהר קענט גוט, שאפט מען פריהער קנעלעך אין יעדער סעקציע פון סינדיקאט און מען מינעוועט ביסלעכווייז אונטער די ארגאניזאציע. נאכהער, אין איין שעהנעם פריהמארגען, אז מען פיהלט זיך שוין גענוג שטארק, אטאקירט מען אויף דער גאנצער ליניע, מען פארניכטעט די פאזיציעס און מען לענט ארויף די האנט אויף אלע איינריכ־טונגען, מען זעצט אוועק „אייגענע״, זאר נאר ניט קיין זעהר פעהיגע, נאר אייגענע מענשען, און מען הויבט אן צו פיהרען א מלוכה.

דאס אלץ וואלט אפשר ניט געווען אזוי געפעהרליך ווען די מאסע מאכט אויך דורך דעם זעלבען וועג. נאר צו די גרויסע צרות האט די מאסע דורכגעמאכט דעם זעלבען וועג נאר... אויף צוריק. צוריק

(שלוס אויף זייט 4)

צו די סעקרעטערע און מיטארבייטער.

צוליב יום כפור וועט דער נעק־סטער נומער „גערעכטיגקייט״ גע־מאכט ווערען מיט א טאג פריהער ווי אלע מאל. אלעס וואס דארף אריינגעהן אין קומענדען נומער דארף דעריבער צוגעשיקט ווערען מיט א טאג פריהער ווי געוועהנליך.

רעדאקציע.

דער סטרייק פון די ווייסטמאכער אין פילאדעלפיע געהט אן מיט דער זעלבער פארביסענקייט

אין דער לאגע פון דעם סטרייק פון די ווייסט און דרעסמאכער אין פילאדעל־פיע איז נאך דערווייל ניטא קיין ענדע־רונג. דער סטרייק ווערט געפיהרט מיט דער זעלבער ענערגיע ווי דעם ערשטען טאג וואס ער האט אויסגעבראכען. אן אויסנאהם איז נאר געווען לעצטען מאנ־טאג און דינסטאג, עס איז אין פילא־דעלפיא אזוי רוהיג געווען, גלייך ווי דארט וואלט נאר קיין סטרייק ניט געווען. עס איז געווען ראש השנה און אין די צוויי טעג האט אויסגעזעהען ווי ביידע צדדים וואלטען איינגעהן אויף א קורצען וואפען־שטילשטאנד. די באסעס האבען זיך פאר די צוויי טעג אוועקגעלאזען אין שול אריין, מסתמא בעטען ביי גאט זיי זאלען געווינען דעם סטרייק, ווען אפילו עס זאל נויטיג זיין אנצושיקען אויף די סטריי־קער עפעס אן אנשיקעניש... און די סטרייקער האבען די צוויי טעג זיך אבי־סעל אויסגערוהט. די שעפער זיינען גע־ווען פארמאכט און מען האט ניט גע־דארפט זיין אין פיקעט־ליין.

אבער די צוויי רוהיגע טעג זיינען גיך אנטלאפען און דער קאמף האט ווידער אויפגעברויזט. די בראווע סטרייקער זיינען ווידער אויף זייער פאסטען צו פאר־טיידיגען זייערע פאזיציעס און זיי ווע־לען דאס טאן, ביז די פאר׳עקשנ׳טע בא־לעבאטים וועלען געצוואונגען זיין אויפצו־געבען די פאלשע האפנונג, אז עס וועט זיי ווען געלינגען צו באזיגען אזא מערק־ווירדיגע, קאמפפלוסטיגע ארמעע, און זיי וועלען שלום מאכען מיט די סטרייקער.

נאטירליך, עס איז שווער אין דעם מא־מענט צו זאגען באשטימט, ווי לאנג עס וועט נאך נעהמען ביז די באסעס וועלען געצוואונגען זיין דאס צו טאן, — אבער זיי וועלען דאס טאן! זיי קאנען דאס מאל דעם סטרייק פארציען, ווייל עס איז א שלעכטער סיזאן, און עס איז ממילא קיין ארבייט ניטא, אבער סוף כל סוף וועלען זיי מוזען זיך אונטערגעבען. זיי האבען דעם קאמף אנגעהויבען און זיי וועלען מוזען זיין די, וואס וועלען פאר־לאנגען שלום. דאס מוז געשעהן, און דאס וועט געשעהן!

קלאוקמאכער יוניאן פון קליוולאנד רופט מאנו־פעקטשורערס אסס׳ן צו א קאנפערענץ

אין דעם קאלעקטיוו אגרימענט אין דער קלאוק אינדוסטריע פון קליוולאנד איז פאראן א פונקט, דאס וויבאלד א צד צו דעם אגרימענט וויל אין איהם מאכען אירגענד וועלכע ענדערונג, דארף ער עס לאזען וויסען דעם צווייטען צד, פאר דעם 1טען אקטאבער. טאמער ניט, ווערט דער אגרימענט פון זיך אליין באנייט פאר נאך א יאהר. האט זיך די קלאוקמאכער יוניאן באנוצט מיט דעם פונקט אין דעם אגרימענט און פאר דעם 1טען אקטאבער געשיקט צו דער אסס׳ן דעם פאלגענדען בריף:

„ווערטע הערען:—

„דער קאלעקטיוו אגרימענט צווי־שען אונזערע ארגאניזאציעס שרייבט פאר, דאס וויבאלד אירגענד וועלכער צד ווינשט צו מאכען אין דעם אגרי־מענט געוויסע ענדערונגען, דארף ער עס לאזען וויסען דעם אנדערען צד ניט שפעטער ווי דעם 1טען אקטאבער. ווערט דאס ניט געטאן, ווערט דער אג־רימענט באנייט פון זיך אליין פאר נאך א יאהר. מיר לאזען אייך דערי־בער וויסען, דאס דער דזשוינט באארד פון אונזערע לאקאל יוניאנס אין קליוו־לאנד האט פארגעשלאגען א געוויסע צאל אמענדמענטס צו דעם אגרימענט, וועלכע זאלען ווערען א טייל פון דעם אגרימענט אין דער צוקונפט.

„אום צו קומען צו א פארשטענדניס ווענען אט די אמענדמענטס, שלאגען מיר פאר, דאס עס זאל איינגערופען ווערען א קאנפערענץ פון פארטרעטער פון אונזערע קערפערשאפטען, אזוי גיך ווי מעגליך. אונזער דזשוינט באארד האט פאר דעם צוועק שוין אפוינטעט א קאמיטע, וועלכע וועט זיין צופרידען זיך צוטרעפען מיט אייער קאמיטע, אין דער צייט וואס איהר וועט באשטימען.

מיט אכטונג אייער

מאיר פערלשטיין, מענעדזשער״.

בעת די שורות ווערען געשריבען איז אונז נאך נישט באקאנט דער ענטפער פון דער קלאוק מאנופעקטשורערס אסס׳ן פון קליוולאנד און מיר קאנען, פארלויפיג, נאך גאר ניט באריכטען ווען אט דער געפלאנטער קאנפערענץ וועט אפגעהאל־טען ווערען.

אינהאלט־פארצייכניס

„גערעכטיגקייט״ נומער 41.

זייט 2. די וואך — מאקס ד. דעניש. אין דער דעזיינער׳ס יוניאן לאקאל 45 — מ. לינקאף.
זייט 3. וואס טוט זיך אין לאקאל 3? — סעמיועל לעפקאוויטץ. צוויי מיטינ־גען פון דזשאינט באארד פון ווייסט און דרעס אינדוסטריע — מ. ק. מאקאוו.
זייט 4. נאטיצען פון עדיוקיישאנאל דע־פארטמענט. אוטליינס — מאקס לעווין. שלוסען פון דער 1טער זייט.
זייט 5. ערשטע קוויטירונגען פון די ווייסט און דרעס שעפער פאר סאוועט רוסלאנד. עקזעקוטיוו באארד באריכט פון לאקאל 25 — טשארלס דזשייקאבסאן.
זייט 6. רעפארט פון לאקאל 60 — י. וואַ־סילעווסקי. ווייטערע קוויטירונגען פון די קלאוקשעפער פאר סאוויעט רוסלאנד.
זייט 7. ענינים פון דער אינטערנעשאנאל אין דער פרעסע—א סטעף רעפארטער.
זייט 8. פון רעדאקטאר׳ס נאטיץ־ביכעל.
זייט 9. מיט דער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד אויפ׳ן פערטעל־יעהרליכען מיטינג אין פילאדעלפיא. — ש. יאנאווסקי.
זייט 10. ארבייטסלאזיגקייט און דער גרא־בער שטעקען — א. זעלדין. מיט׳ן פאק (געדיכט) — א. ראדוצקי.
זייט 11. די ארבייטער לאגע אין אייראפא — אלעקסאנדער פיטשהענדלער. דער מוזיק מייסטער (א פארטרעט) — שיינ־דעל בעררים.
זייט 12. קורצע שמועסען.
זייט 13, 14, 15 און 16 — אדווערטייזמענטס.

א יוניטי קאנצערט אין קארנעגי האל

עמי דעסטין, די בארימטע זינגערין פון מעטראפאליטאן אפערא הויז, און נאך אנדערע באוואוסטע קינסטלער פון דער מוזיקאלישער וועלט, וועלען איינטייל נעמען אין א קאנצערט, דעם 28טען אקטאבער, פאר דעם בענעפיט פון די יוניטי הויז אין פארעסט פארק, פון אונזערע ווייסט און דרעסמאכער.

זאלען די פריינט פון די יוניטי הויז ניט פארפעלען זיך צו באזארגען מיט טיקעטס פאר דעם קאנצערט. נעמט א פאר טיקעטס מער ווי איר דארפט פאר זיך און פארקויפט זיי אייערע פריינט, זיי וועלען אייך דערפאר דאנקען.



דר. בארנעט ל. בעקער



א וואהרע פאלקס אינסטיטוציע

דער גרויסער אינטערעס פון דעם אידישען עולם אין דעם חנוכת הבית, וואס דר. בארנעט ל. בעקער האט געפייערט לעצטע וואך, באווייזט אויף ווי ווייט דר. בעקער'ס פראפעסיאנעלע טעטיגקייט אין דעם אידישען קווארטאל האט ערהויבען זיין פלאץ צו דער שטופע פון א פאלקס־אינסטיטוציאן. עטליכע הונדערט מענשען אין פארשידענע שטעדט פון לאנד, וועלכע זיינען אמאל געווען ניו יארקער איינוואוינער און וועלכע דר. בעקער האט פראפעסיאנעל באהאנדעלט ווען זייערע אויגען האבען זיך גענויטיגט אין זיין פארזיכטיגע דינסטע, האבען עס געפונען פאר זייער פליכט צו גראטולירען דר. בעקער'ן אויף דעם ערפאלג, וועלכען ער האט זיך ערווארבען אין די פילע יאהרען פון זיין איבערגעבענהייט צו די טויזענטע אויגען ליידענדע אין די פיער עקען פון דער גרויסער שטאדט ניו יארק.

א פאלקס־אינסטיטוציע באשטעהט אבער ניט אויף דער פאפולאריטעט אין איין שטאדט; און דערפאר איז אינטערעסאנט דא צו באמערקען, אז דר. בעקער'ס אפטיקעל אינסטיטוט איז באוואוסט אין פילע שטעדט אויסער ניו יארק, און אין מאנכע שטעדט פון יוראפ.

גאנץ אפט קומען אריין צו דר. בעקער'ן פאציענטען פון אויסער'ן ניו יארק, וועלכע זיינען באהאנדעלט געווארען פון זייערע לאקאלע אפטישענס און ניט געפונען די נויטיגע הילף. אין מעהרסטע פון די פעלע קומען זיי צו דר. בעקער'ן דורך די רעקאמענדאציאנען פון א פרוי אדער א שכן, וועלכער איז פון דר. בעקער'ן באהאנדעלט געווארען, ווען ער האט געוואוינט אין ניו יארק.

מיר האבען אויך געהאט דעם פארגעניגען צו באהאנדלען עטליכע צעהנדליגע טויזענטע אידישע אימיגראנטען, וועלכע האבען געהערט פון אונז נאך אויף יענעם זייט ים.

אזא פאפולאריטעט קומט ניט פון די קאפריזען פון מענשען. דעם מענשען'ס זכרון איז אן איידעלע זאך; ער געדענקט נאר דאס, וואס האט א טיפען איינדרוק געמאכט — און דערפאר איז דר. בעקער דער אפטישען אזוי באוואוסט.

זייט דעם ערשטען טאג ווען דר. בעקער איז אריינגעטראטען אין דיזער פראפעסיאן, ווען ער האט זיין ערשטען אויגען־ליידענדען פאציענט באהאנדעלט, האט ער זיך געשטעלט די אויפגאבע צו באהאנדלען דעם עולם אויף א טרייען, ערנסטען, אויפריכטיגען אופן.

זיין גרויסער וואוקס, פון איין קליינעם אפיס ביז די פינף גרויסע, מאדערנע אפטיקעל אפיסעס, וועלכע געפינען זיך אין יעדען אידישען קווארטאל פון שטאדט זאגט עדות, אז ער האט זיין אויפגאבע פאלקאם דורכגעפיהרט. און וועהרענד דר. בעקער שטאלצירט מיט דיזען אונגעהייערען וואוקס, איז ער אבער שטאלצער מיט דער פאלקאמענהייט פון דער אויסשטאטונג פון יעדען פון זיינע פינף אפיסעס. דר. בעקער האט שוין לאנג איינגעפיקסט זיין אייגענע פעקטארי צו שלייפען ברילען, און דאס גיט איהם די מעגליכקייט ניט נור צו מאכען יעדען לענז וויסענשאפטליך ריכטיג, נאר אויך שפארעוודינער פאר דעם פאציענט. וואס אנבאלאנגט די עקזאמינירשאן צימערען, וואו די אויגען ווערען עקזאמינירט, זיינען זיי אויסגעשטאטעט מיט די פאלקאמענסטען און נייעסטע וויסענשאפטליכע אינסטרומענטען. און דאס זעלבע קען געזאגט ווערען פון די פראפעסיאנעלע אפטאמעטריסטען, וועלכע שטעהען אונטער דר. בעקער'ס פערזענליכער אויפזיכט. ״דאס זיינען רעדזשיסטרירטע אפטאמעטריסטען און אפטישענס מיט גרויסער ערפאהרונג און וועלכע זיינען קאמפעטענט יעדען פאציענט צו באהאנדלען מיט דער גרעסטער פארזיכט.

אויב אייערע אויגען הויבען אן צו ווייזען די ערשטע סימנים פון שוואכקייט, שטעהען מיר גרייט אייך צו העלפען, ווי מיר האבען שוין געהאלפען טויזענטער אנדערע אין דעם זעלבען צושטאנד.

דר. בארנעט ל. בעקער

אפטאמעטריסט און אפטישען

5 אפטיקעל ברענטשעס:

215 איסט בראדוויי ניער קלינטאן סטריט

102 לענאקס עוועניו נעבען 116טע סטריט

895 פראספעקט עוועניו נעבען 163טע סטריט

1709 פיטקין עוועניו נעבען ראקאוויי עוועניו

262 איסט פארדהעם ראוד, בראנקס.

לויט דעם באשלוס פון די איסט סייד סאסייעטי פון אפטאמעטריסטס און אפטישענס, שליסען מיר אונזערע אפיסעס יעדען טאג אום 9 אוהר אווענדס. זונטאגס און געזעצליכע ימים טובים א גאנצען טאג.

צוליב די יום־טובים, און פאר די בעקוועמליכקייטען פון די וואס מוזען יעצט טראגען ברילען, וועלען מיר האלטען אפען אונזערע אפיסעס יעדען זונטאג ביז נאך יום כפור און דאן וועלען מיר ווידער שליסען יעדען זונטאג.

וואס טוט זיך אין לאקאל 3?

דאס איז מיין ערשטער רעפארט אין אונזער אפיציעלען ארגאן, זינט איך בין געווארען מענעדזשער-סעקרעטאר פון לאקאל 3. איך האלט פון כלל, אז באריכטען דארף מען נאר פון גאנצע ארבייט און איך האב דעריבער בעסער אפגעווארט מיט מיין באריכט.

דעם 18טען דזשולי האב איך איבערגענומען דעם אפיס פון מיין פארגענגער, ברודער שאטצבערג, און האב אלעס געפונען אין דער בעסטער ארדנונג. דער סעמפעל סיזאן איז שוין געווען פאראיבער און דער סיזאן פון די קלאוק שניידער האט שוין דעמאלט געזאלט זיין אין פולען גאנג. צום באדויערען איז עס אבער אזוי ניט געווען. פילע פון אונזערע מיטגלידער זיינען אין גאנצען געווען ארבייטסלאז, און די וואס האבען געארבייט, האבען געארבייט בלויז צוביסלאך. די נייערוועהלטע עקזעקוטיווע האט דעמאלט דעריבער געקאנט טאן גאנץ ווייניג פאר די מיטגלידער וואס האבען געארבייט אין די קלאוק שעפער.

דער עקזעקוטיוו באארד האט דאן אויפגענומען די פראגע פון די ליידיס טיילארס. דער אגרימענט וואס די יוניאן האט געהאט מיט די ליידיס טיילארס באסעס האט געדארפט אויסגעהן דעם 15טען סעפטעמבער, און די פראגע איז געווען: וואס עס זאל געטאן ווערען? נאך א גענויער באטראכטונג איז אנגענומען געווארען די פאליסי פון „וואטשפול וויטינג" און דאס האט זיך ארויסגעוויזען צו זיין אן ערפאלג.

דעם 22טען אויגוסט האבען מיר באקומען א צושריפט פון די „נעשאנאל גארמענט ריטיילערס אסס'ן", אין וועלכען זיי לאזען אונז וויסען, דאס אזוי ווי דער אגרימענט צווישען דער יוניאן און זייער אסס'ן האלט ביים אויסגעהן, זאלען ביידע צדדים זיך צוזאמענקומען אויף א קאנפערענץ. מיר האבען דעם צושריפט גלייך איבערגעשיקט צום דזשוינט באארד פון דער קלאוקמאכער יוניאן, פון וועלכער קערפערשאפט מיר זיינען א טייל. דער דזשוינט באארד האט אויפגענומען דעם צושריפט און עס איז אפוינטעט געווארען א קאנפערענץ קאמיטע זיך צו טרעפען מיט א קאמיטע פון דער באסעס אסס'ן.

אין דער קאמיטע זיינען געווען די פאלגענדע פערזאנען: דזשענעראל מענעדזשער י. פיינבערג; דזש. רובין, מענעדזשער פון פראטעקטיוו דיוויזשאן, וועלכער האט אין זיין דיסטריקט אויך ליידיס טיילארס שעפער; ל. פינקאווסקי, דער טשערמאן פון דזשאינט באארד; בראפעלד, דער מענעדזשער פון הארלעם אפיס, וואס האט אונטער זיין יוריסדיקציע די אפ טאון ליידיס טיילארס שעפער; מ. שוכמאן און ד. נערסיטאנא, דעלעגאטען פון די ליידיס טיילארס צום דזשאינט באארד, און איך אליין, אלס מענעדזשער-סעקרעטער פון דעם לאקאל.

די קאנפערענץ איז אפגעהאלטען געווארען דעם 1טען סעפטעמבער.

אויף דער קאנפערענץ האבען די פארטרעטער פון דער אסס'ן אונז ארויסגעשטעלט די פאלגענדע פאדערונגען:

1. אן 48 שטונדען ארבייטס-וואך (אנשטאט 44).
2. ארונטערשניידען די שכירות אויף 15 פראצענט.
3. צו מאכען ענדערונגען אין די געזעצליכע יום טובים.
4. דער פעריאד פון אויספראבירען אן ארבייטער זאל פארלענגערט ווערען פון איין וואך אויף איין מאנאט.
5. די באסעס זאלען האבען א רעכט צו רעארגאניזירען זייערע שעפער בעת פאר דעם אנפאנג פון יעדען סיזאן.

נאטירליך, די פארטרעטער פון דער אסס'ן האבען געשטעלט די דאזיגע פאדערונגען, כדי די „טיילאר מייד" גארמענטס זאלען ווערען ביליגער. אזוי האבען זיי געזאגט. אבער אונזער צד האט געענטפערט מיט א שארפען ניין, און ווען די פארטרעטער פון דער אסס'ן האבען זיך איבערצייגט, אז זיי וועלען ביי אונז קיינע הנחות ניט קריגען, האבען זיי איינגעשטימט, דאס דער אלטער אגרימענט אין טרייד זאל פארלענגערט ווערען ביז דעם 1טען דעצעמבער פון דעם יאהר. און דער זעלביגער אגרימענט איז אויך פארלענגערט געווארען מיט די אינדעפענדענט מאנופעקטשורערס אין טרייד.

אלזא, די יוניאן האט גענומען דאס איהריגע, צו באשיצען די אינטערעסען פון אונזערע מיטגלידער אין די שעפער. איצטער בלייבט פאר די מיטגלידער גופא אויפצופאסען, אז די ליידיס טיילאר באסעס זאלען אפהיטען דעם באנייטען אגרימענט. אויב אירגענד וועלכער באס זאל ניט וועלען אויספיהרען די רולס פון אגרימענט דארף עס גלייך געמעלדעט ווערען אין אפיס פון דזשאינט באארד און עס וועט צו דעם אטענדעט ווערען.

וואס ווייטער ווערען אלץ ווייניגער מענער באשעפטיגט אין די ליידיס טיילאר שעפער; זייערע שעפער ווערען פארנומען פון פרויען. די באסעס טוען דאס, ווייל די פרויען-ארבייטער אין דעם פאך זיינען ניט ארגאניזירט און זיי ארבייטען לענגערע שטונדען און פאר קלענערע שכירות ווי די מענער. עס איז דעריבער אין די אינטערעסען פון די ליידיס טיילארס צו זעהן, דאס די מיידלעך — די דרעסמייקערס פון די שעפער — זאלען זיין ארגאניזירט.

דעם דזשוריסדיקשאן איבער אט די דרעסמייקערס האט אונזער שוועסטער לאקאל 90 און אלע אונזערע מיטגלידער פון לאקאל 3 ווערען געבעטען צו העלפען לאקאל 90 ארגאניזירען די קאסטאם דרעסמייקערס וואס ארבייטען אין די ליידיס טיילאר שעפער.

* * *

א ווארט צו די סעמפעל-מאכער.

אין מאנאט אקטאבער פאנגט מען אן מאכען סעמפעלס אין די קלאוק שעפער, און זאלען די סעמפעל מאכער זיין אויף דער וואך, דאס ווען זיי וועלען שוין אמאל אנפאנגען צו ארבייטען, נאך אזא לאנגען סלעק, זאלען זיי באקומען די געהעריגע שכירות. אם בעסטען וואלט געווען, אז די ארבייטער זאלען קומען אין אפיס פון לאקאל 3, זיך בעראטען מיט'ן סעקרעטער וועגען דעם. די וואס וועלען עס טאן וועלען געוויס ניט האבען קיין חרטה.

דינסטאג אוונט, דעם 20טען סעפטעמבער, האבען מיר געהאט א מאס-מיטינג אין לייבאר טעמפל, און עס איז דארט ארומגערעדט געווארען אלע פראגען פון טרייד. עס איז אויך באשפראכען געווארען די פראגע, ווי צו העלפען די נויט-ליידענדע מאסען אין סאוועט רוסלאנד.

דער מיטינג איז אדרעסירט געווארען פון ש. יאנאווסקי, רעדאקטאר פון דער „גערעכטיגקייט", און י. פיינבערג, דער דזשענעראל מענעדזשער פון דער קלאוקמאכער יוניאן.

אויף דעם מיטינג איז בעשפראכען געווארען די ארבייטסלאזיגקייט אין טרייד. אין דער דיסקוסיע האבען זיך באטייליגט אייניגע פון די מיטגלידער. עס איז באשלאסען געווארען צו איינסטרואירען דעם עקזעקוטיוו באארד איינצורופען א ספעציעלען מיטינג, וואו די פראגע זאל נאך א מאל באשפראכען ווערען, און עס זאל געזוכט ווערען וועגען און מיטעל, ווי דער איבעל פון ארבייטסלאזיגקייט זאל אפגעשאפט ווערען. דער מיטינג איז געווען א מאראלישער ערפאלג, כאטש ער איז ניט געווען אזוי גוט באזוכט ווי מיר האבען עס ערווארטעט.

ווי עס שיינט, באנוגענען זיך אונזערע מיטגלידער און זיינען צופרידען מיט דעם וואס די יוניאן טוט פאר זיי. ווייל זיי האלטען אפילו ניט פאר נויטיג צו קומען אויף א מאס-מיטינג וואס זייער יוניאן רופט איין. מיר האפען אבער, דאס זיי וועלען באלד איינזעהן, אז דאס איז ניט גאר אזוי גוט און זיי וועלען אנפאנגען בעסער צו באזוכען די מיטינגען, וואס די יוניאן רופט איין.

* * *

מיר מוזען אויפמערקזאם מאכען אונזערע מיטגלידער, דאס לויט די רולס פון אונזער אינטערנעשאנאל יוניאן, פאלען די מיטגלידער אויטאמאטיש ארויס פון דער יוניאן, אויב זיי זיינען שולדיג דיוס מעהר ווי פאר 39 וואכען. זאלען דעריבער די מיטגלידער ניט פארנאכלעסיגען צו צאהלען דיוס. ווארום די וואס פאלען אויטאמאטיש ארויס פון דער יוניאן וועלען שפעטער דארפען אריינקומען אלס נייע מיטגלידער, און זיי וועלען דארפען צאהלען איינטריטס-געלד. זיי וועלען אויך אויף דאס ניי דארפען געהן זיך אונטערזוכען ביים דאקטאר.

אין דער אינטערנעשאנאל ווערען די יוניאן-קארדס פון די מיטגלידער געביטען אלע זעקס חדשים. זאלען דעריבער די ליידיס טיילארס וואס פאנגען אן ארבייטען קומען אין אפיס פון דער יוניאן און אומבייטען זייער יוניאן-קארד.

ווען דער רעפארט איז געשריבען געווארען, האבען מיר באקומען די נייעס, דאס די ליידיס טיילארס פון שיקאגא, לאקאל 104, האבען געוואונען זייער סטרייק געגען די באלעבאטים. דאס צייגט ווידער אמאל, דאס ווי באלד די ארבייטער זיינען גוט פאראייניגט קענען זיי אויספיהרען זייערס, אפילו אין א שלעכטער צייט.

מיר שיקען אונזער גראטולאציאן אונזערע שוועסטער און ברידער פון שיקאגא צו זייער זיג. מיר האפען, דאס דורך זייער סאלידאריטעט וועלען זיי קענען אויפהאלטען אין די שעפער די באדינגונגען וואס זיי האבען געוואונען דורך דעם סטרייק.

* * *

איך האף, דאס עס איז גאר ניט נויטיג צו דערמאנען אונזערע מיטגלידער, זיי זאלען ניט פארגעסען דעם חוב וואס ליגט אויף זיי צו העלפען די הונגער-ליידענדע מאסען אין סאוועט רוסלאנד. זאלען אונזערע מיטגלידער זיין פרייגיביג צו דעם פאנד, פון וועלכען עס זיינען אפהענגיג אונזערע שוועסטער און ברידער פון רוסלאנד.

זאלען אלע אונזערע מיטגלידער טאן זייער פליכט, און טאקע באלד. דער פאנד מוז באלד געשאפען ווערען.

* * *

דער ליידיס טיילארס ברענטש מיטינג, וואס האט געדארפט אפגעהאלטען ווערען דינסטאג, דעם 1טען אקטאבער, איז ניט אפגעהאלטען געווארען צוליב ראש השנה. צוליב דעם יום טוב האט דער מיטינג געמוזט אפגעלעגט ווערען.

סעמיועל לעפקאוויץ,
מענעדזשער-סעקרעטער לאקאל 3.

צוויי מיטינגען פון דזשאינט באארד פון דער דרעס און וויסט אינדוסטריע

א מיטינג פון דעם דזשאינט באארד דרעס און וויסט מאכערס יוניאן איז אפגעהאלטען געווארען מיטוואך, סעפטעמבער דעם 21טען, 1921, אונטער דער פארזיץ פון ברודער האלפערן.

שוועסטער לולו בארטלעט מאנטגאמרי, א פארטרעטער פון די סטרייקענדע מיינערס אין מינגא און לאגאן קאונטיס, וועסט ווירדזשיניא, איז ערשינען און ערקלעהרט, דאס די מיינערס זענען אויסגעשלאסען געווארען פון דער ארבייט מיט 14 מאנאטען צוריק פאר דעם איינציגען פארברעכען וואס זיי האבען זיך פאראייניגט אין א יוניאן און גלייך נאך זייער אויסשליסונג פון דער ארבייט האבען די באלעבאטים זיי אויך געמאכט צו מופען פון די וואהנונגען. קיין אנדערע וואהנונגען אויסער די וועלכע בעלאנגען צו דער קאמפאניע, קאן מען ניט קריגען, און אזוי געפינען זיך ארום 5 טויזענד סטרייקערס, אויסער פרויען און קינדער, אין אויפגעשטעלטע ביידלאך. די שוועסטער פארלאנגט פינאנציעלע הילף פאר די סטרייקער.

אויף א פארשלאג ווערט דיזער פארלאנג איבערגעגעבען צום באארד אף דירעקטארס.

דער באריכט פון לעצטען מיטינג ווערט פארגעלעזען און גוטגעהייסען.

ברודער זיגמאן און רייזבערג זיינען ערשינען אין באצוג צו דעם סטרייק וואס לאקאל 15 פיהרט אן אין פילאדעלפיא געגען די דרעס און וויסט מאנופעקטשורערס וועלכע פאדערען ארונטערצולאזען פון די געסעטעלטע פרייזען 25 פראצענט, און נאך אנדערע הנחות. זיי ערקלעהרען דאס די ארבייטער אין פילאדעלפיא זיינען ענטשלאסען צו סטרייקען, מעג דאס נעהמען ווי לאנג.

זיי דערצעהלען אויך דאס סטרייקערס ווערען באהאנדעלט פון די פאליס און גענגסטערס, וועלכע זיינען באשעפטיגט ביי די באסעס, אויף דעם ברוטאלסטען אופן. אבער דאס וועט ניט אפשוואכען דעם מוט פון די סטרייקערס. עס איז אבער ווינשענסווערט דאס מיר, די דרעס און וויסט מאכער אין ניו יארק, זאלען באהילפיג זיין אונזערע שוועסטער און ברידער אין פילאדעלפיא.

דער דזשאינט באארד באשליסט ביישטייערען וועכענטליך פינף טויזענד דאל. ווי לאנג דער סטרייק וועט אנהאלטען.

צושריפטען ווערען פארגעלעזען פון לאקאלס 10, 25, 22 און 89 און ווערען פארהאנדעלט.

א צושריפט ווערט פארגעלעזען פון שוועסטער גאלדע שעער, אין וועלכען זי גיט אן איהר רעזיגנאציע אלס ביזנעס איידזשענט. אויף א פארשלאג ווערט דיזער צושריפט איבערגעגעבען צו די באארד אף דירעקטארס.

די קאמיטע וועלכע איז באשטימט געווארען פאר דעם צוועק אויסצודריקען אנערקענונג צו ברודער היימאן, וועלכער האט רעזיגנירט פון זיין אמט, באריכטעט, דאס זיי האבען באשלאסען איהם צו פרעזענטירען מיט א גאלדענע פאונטען פען און אויך צו פארעפענטליכען אין אונזער אפיציעלער פרעסע א רעזאלוציע אין וועלכער זיי וועלען אויסדריקען דעם באדויערען וואס בר. היימאן האט אונז פארלאזען. דער באריכט ווערט גוטגעהייסען.

א צושריפט ווערט פארגעלעזען פון דער וויסט פראטעקטיוו אסאסיאיישאן, פארלאנגענדיג דאס א קאנפערענץ זאל גערופען ווערען אין דער נאהענטער צוקונפט צו באשפרעכען טרייד און ביזנעס אנגעלעגענהייטען.

אויף א פארשלאג ווערט דיזער צושריפט איבערגעגעבען צו די באארד אף דירעקטארס.

א צושריפט ווערט פארגעלעזען פון לאקאל 60 אין וועלכען זיי בעטען דאס דער דזש. באארד זאל באשטימען א ביזנעס איידזשענט אויפצופאסען אין אפיס פון די פרעסערס ביז זיי וועלען ערוועהלען א מענעדזשער פאר דעם לאקאל.

דער דזשענעראל מענעדזשער ווערט באפאלמעכטיגט צו האנדלען אויף דעם פארלאנג פון לאקאל 60.

צושריפטען ווערען פארגעלעזען פון לאקאלען 25, 66 און 89 פון קלענערע וויכטיגקייט און ווערען געהאנדעלט דארייבער.

שוועסטער סאוויצקי און סילווער באריכטען אין קורצען וועגען דער יוניטי הויז. אבער דער פולער באריכט איז נאך ניט פארטיג. עס ווערט באשלאסען, דאס א ספעשעל מיטינג פון דזשאינט באארד זאל גערופען ווערען אזוי שנעל ווי דעם אוידטאר'ס רעפארט וועט זיין פארטיג, אום צו דיסקוטירען די אנגעלעגענהייט.

דער אפילס קאמיטע באריכט רעקאממענדירט דאס ברידער פארמאן און גלאזמאן זאל ערלויבט ווערען ארויסגעהן ארבייטען צו דער בערפארד דרעס קא. און צו מאדיפיצירען דעם באשלוס פון דער גריוועגנס קאמיטע צו באשטראפען זיי מיט 5 דאלאר, ווערט גוטגעהייסען.

* * *

א צווייטער מיטינג פון דזש. באארד דרעס און וויסט מייקערס יוניאן איז אפגעהאלטען געווארען סעפטעמבער דעם 28טען אונטער דעם פארזיץ פון ברודער בערלין.

מר. יוזעפאוו, פארטרעטער פון דענווער סאניטאריום, ערשיינט און ערקלערט, דאס אזוי ווי אונזער באארד האט באשלאסען צו געבען א קרעדענשעל פאר דריי פארשידענע אינסטיטושאנס, וועלכע זאלען זאמלען געלדער ביי אנדערע מעמבערס און די שעפער און די געלד זאל פאנאנדער געטיילט ווערען צווישען דענווער און לאס אנדזשעלעס סאניטאריומס און אויך צו עקס פאציענטען פון טובערקולאזיס איז געגען אנדערע פריהערדיגע באשליסע. אויב אבער מיר זאלען באשטעהן אויף דעם אויבענדערמאנטען באשלוס וועט די דענווער סאניטאריום ליג מיט באדויערען מוזען זיך ענטזאגען פון אונזער הילף.

דיזער פארלאנג ווערט איבערגעגעבען צו די באארד אף דירעקטארס.

שוועסטער סאוויצקי, סילווער און ברודער ריזל ווערען ערוועהלט אלס קאמיטע צו ערשיינען בעפאר דעם דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד אום פארצולעגען א פלאן, דאס די אינטערנעשאנאל זאל איבערנעמען די יוניטי הויז.

דער סעקרעטאר פון דזשאינט באארד ציהט די אויפמערקזאמקייט, דאס לאקאל 10 איז ניט פארטראטען ביי די באארד אף דירעקטארס, לאקאל 25 — אין דער גריוועגנס און יוניטי הויז קאמיטעס, לאקאל 89 — אין דער אפילס קאמיטע און דאס ברודער אויערבאך פון לאקאל 66 האט שוין פארפעהלט צו אטענדען 3 מיטינגס פון דער פינאנץ קאמיטע. אויף א פארשלאג ווערט באשלאסען דאס ברודער סאראוועקי פון לאקאל 10 ווערט באשטימט צו די באארד אף דירעקטארס, שוועסטער גודמאן פון לאקאל 25 אין דער גריוועגנס קאמיטע, שוועסטער טשערנאוויץ צו דער יוניטי הויז קאמיטע, ברודער ערדזשיטא פון לאקאל 98 צו דער אפיל קאמיטע. וועגען דער פינאנס קאמיטע ווערט באשלאסען דאס ברודער ראבינאוויץ פון לאקאל 22 זאל זיין אין דער פינאנס קאמיטע, ביז די פולע דעלעגיישאן פון לאקאל 22 וועט זיין פארטראטען, און דאס ברודער פעללער, לאקאל 10, ווערט באשטימט אין דער גריוועגנס קאמיטע.

מ. ק. מאקאוו, סעקרעטער.

א גליק-וואונש רעזאלוציע.

„מיר, די ארבייטער פון דעם קלאוק שאפ פון פינגער און קאהן, 44 וו. 26טע סטריט, זייענדיג פארזאמעלט ביי איין רעגלען שאפ מיטינג שבת דעם 24טען סעפטעמבער, דריקען אויס אונזער הערצליכסטען דאנק צו אונזער געוועזענעם טשערמאן, ברודער דזשאזעף רוססען, פאר זיין גוטע ארבייט און פאר זיין מיה, וועלכע ער האט געלייסטעט פאר דיזען שאפ, וואס ער האט געמאכט פאר ערשטען קלאס יוניאן שאפ. מיר באדויערען זעהר וואס ער האט ניט געוואלט אויף ווייטער פארבלייבען טשערמאן, ווייל ער וויל פאר א קורצע צייט זיך אפרוהען.

מיר ווינשען איהם גליק און מיר האפען, אז ער וועט אויך ווייטער, כאטש ניט זייענדיג קיין שאפ טשערמאן, העלפען אויפצוהאלטען אונזערע געוואונענע קאנדישאנס, וועלכע ער האט ביז יעצט געהאלפען אויסקעמפען אין שאפ.

מיט ברודערליכען גרוס,
מאררים זאלל, שאפ טשערמאן.
מאקס העקער
טאני ד'עליא
טאני ד'ימפעריא
די קאמיטע.

די וואך
פון מאקס ד. דעניש.

האוואט געהט אין טורמע.

גלייך ווי ער איז געקומען צוריק פון דער קאנווענשאן פון דער מיינערס יוניאן אין אינדיאנאפאליס און באלד נאכדעם ווי די קאנווענשאן האט, דורך א פארהעלטניסמעסיג קליינער מאיאריטעט, איהם באפעהלט צוריקצורופען די סטרייקענדע מיינערס אין קענזעס, איז האוואט אוועק אין טורמע „אויסצוזיצען" די 6 חדשים, צו וועלכע מ'האט איהם און נאך איינינע פיהרער פאראורטיילט פאר עובר זיין דעם סטרייק־פארבאט, וואס דער „אינדוסטריעלער געריכט" פון קענזעס האט ארויסגעגעבען פאר א יאהרען ווינטער.

האוואט גלויבט נישט, אז דער „אינדוסטריעלער געריכט" פון קענזעס איז א געזעצליכער קאנסטיטוציאנעלער געריכט. ער גלויבט אז דאס איז בלויז אן אנגעטור וואס זוכט צו דערשטיקען די ארגאניזירטע ארבייטער פון קענזעס. ער גלויבט, אז דער בעסטער וועג צו באקעמפען דעם דאזיגען געריכט איז צו איגנארירען זיינע אוקאזען. אזוי גלויבט האוואט, און ער איז גרייט צו געהן אין טורמע פאר זיינע איבערצייגונגען.

לואיס, דער פרעזידענט פון דער מיינערס יוניאן, וועלכער האט באקעמפט און ערנידריגט האוואט'ן אויף דער קאנווענשאן, איז, ווי מיר פארשטעהען, אויך אן אויסגעשפראכענער געגנער פון „אינדוסטריעלע געריכטען".

אזוי ווייט, אזוי גוט. מיר געדענקען אבער, אז אין 1919, ווען ס'איז אנגעגאנגען דער גרויסער סטרייק פון די מיינערס האט לואיס געהאט פאר זיך די ברירה אדער צו פאלגען ריכטער אנדערסאן'ס אינדזשאנקשאן און צוריקרופען דעם סטרייק, אדער איגנארירען דעם אינדזשאנקשאן און געהן אין טורמע, און לואיס האט אויסגעקליבען דאס ערשטע — ער האט געפאלגט אנדערסאן'ס אוקאז און אופגעגעבען דעם סטרייק. אויב מיר געדענקען ריכטיג האט ער מאטיווירט זיין האנדלונג דערמיט וואס „ער איז א גוטער אמעריקאנער און וועט ניט קעמפען געגען דער רעגירונג".

אונז וואלט זיך נישט געוואלט געבען דעם אדער יענעם גערעכט. אגב, אין דא נישט בלויז א פראגע וועגען לואיס'ן אדער האוואט'ן, נאר וועגען דעם ווי אזוי ס'איז בעסער צו באקעמפען די אוקאזען פון די אינדזשאנקשאן אויטאקראטען. דאך פארבלייבט דער איינדרוק, אז האוואט איז געווען גרייט צו געהן און איז טאקע געגאנגען אין טורמע אלס אן אונקאמפראמיסליכער שונא פון אינדוסטריעלען אבסאלוטיזם און געזעצליכען הפקר.

יא, דער לואיס טיפ און דער האוואט טיפ זיינען ביידע געגנער פון אינדזשאנקשאנס. ס'איז בלויז אן אונטערשייד אין געשמאק, אין קאמפס־סטיל און... אין דער מאס פון פערזענליכער זיכערהייט. דאס אלעס.

נאך א שווערע אנקלאגע געגען דעם שטאל טראסט.

לעצטע וואך האט דער באקאנטער קירכע פארבאנד, די „אינטערטשורטש וואירלד מואוומענט" פארעפענטליכט נאך א באריכט וועגען דעם שטאל סטרייק אין 1919, וואו עס ווערט אין לעבעדיגע פארבען איבערגעגעבען די געשיכטע, ווי אזוי די לאקאלע באאמטע פון פארטראסטעוועטע שטעדט אין פענסילווייניא סטייט האבען געקעמפט דעם קאמף פון דעם שטאל טראסט, האבען אונטערדריקט פרייע רעדע, האבען געשלאגען און געפייניגט די סטרייקערס, זיינען באפאלען זייערע היימען און טעראריזירט די מיינער פאמיליעס אויף דעם ברוטאלסטען אופן כדי צו ברעכען דעם מוט פון די סטרייקערס און זיי צוריק אריינטרייבען אין דעם פיל־פאכיגען גיהנם פון די שטאל פאבריקען.

דזשארדזש סול, וועלכער האט אויפגעשריבען דעם באריכט, אנאליזירט די אורזאכען פון דעם טעראר און אפיציעלע אנארכיע אין דעם קעניגרייך פון שטאל און געפינט דאס פאלגענדע:

1. א גרויסע צאל סטרייקערס זיינען ניט געווען קיין בירגער. דער 12 שטונדיגער ארבייטס טאג און די זיבען טאגיגע וואך האבען פאר זיי אוממעגליך געמאכט זיך אויסצולערנען די שפראך און ווערען בירגער.

2. די לאקאלע אדמיניסטראציעס און געריכטען זיינען אין די הענט פון טראסט באאמטע, די סופעראינטענדענטס און די פארלייט פון די שטאל פאבריקען. די קאנדידאטען פאר פאליטישע אמטען, באזונדערס פאר די געריכטען, שטעהען אונטער דער שטרענגער אויפזיכט פון די טראסט באאמטע און זיי קאנען ערוועהלט אדער געשלאגען ווערען לויט דעם ווילען און באשליסען פון דעם טראסט.

3. די ארטיגע פרעסע ליגט אונטער דעם קנאפעל פון די שטאל מאגנאטען און ערליכער זשורנאליזם ווערט אונטערדריקט און אויסגעראטען אזוי שנעל ווי ער באווייזט זיך אין יענע מקומות.

און נאך און נאך. ס'איז די געשיכטע פון גערי'ס קעניגרייך, א געשיכטע וואס איז אזוי שמערצליך באקאנט צו אלע לעזער פון דער ארבייטער פרעסע און אזוי אומבאקאנט צו די לעזער פון אונזער „גרויסער" פרעסע. אפילו ווען די „גרויסע" צייטונגען גיבען איבער דעם אינהאלט פון דעם דערמאנטען באריכט (און פארשווייגען דעם באריכט קאן מען דאך ניט), פארדרעהען זיי די גאנצע מעשה, מאכען צו קליין געלט די גאנצע וויכטיגקייט פון דער דאזיגער שווערער אנקלאגע און גיבען קאפולער אנצוהערעניש, אז דזשארדזש סול, דער מחבר פון דעם באריכט, איז „א מיטארבייטער אין דער „ניישאן", דער „ניו רעפאבליק" און דער עקאנאמישער בעל יועץ פון עטליכע ארבייטער יוניאנס", מיט אנדערע ווערטער, א געפערליכער מענש, וואס מ'דארף זיך פאר איהם היטען און מען טאר איהם ניט גלויבען.

דער איינדרוק פון דעם באריכט פארבלייבט אבער. אפילו נאך אלע גיפטיגע אינסינואציעס פון דער „גרויסער פרעסע" דערפילט דער לעזער די הערשאפט פון בלוט און אייזען, די שווארצע גבורה פון דעם געפלאנטען פויסט פון דעם סטילמאגנאט. דער באריכט פון דעם קירכע פארבאנד קאן ניט פארלארען געהן. ער וועקט דעם געוויסען פון אלע ערליכע בירגער און דעם צארן פון די ארגאניזירטע ארבייטער. די הונדערטער טויזענטער נאמענלאזע שקלאפען אין דעם קעניגרייך פון שטאל ווייסען דעם אינהאלט פון דעם באריכט, אפילו אויב זיי האבען איהם קיינמאל ניט געלייענט. ער איז אויפגעשריבען אויף זייערע לייבער, אין זייערע לעבערס און זייערע אנגעוועהטאגטע פארצארנטע נשמות. און דער עולם אויסער גערי'ס אימפעריע ווייסט שוין אויך דעם אינהאלט פון דעם באריכט. ווען ס'וועט אויסברעכען דער נעקסטער קאמף פון מענשען געגען שטאל, וועט מען דעם דאזיגען באריכט אין זינען האבען. וויסען איז מאכט, און די פריינט פון די שטאלשקלאפען וויסען וואס עס טוט זיך אין דעם טעראר־קעניגרייך פון זיין בלוטיגען מאיעסטעט שטאל.

וועלען די קריגס שיפען פארווארפען ווערען אלס אלטווארג?

אדמיראל באולעס, געוועזענער הויפט אינזשיניר פון דער יונייטעד סטייטס נייווי, א מאן וואס רעדט פון ערפארונג, מאכט אן אינטערעסאנטען בייטראג צו דער פראגע פון באגרענצען די באוואפנונגען, א פראגע וואס איז איצט ביי אלעמען אויף די ליפען און וואס וועט אין גיכען ווערען די סענסאציע פון טאג, ווען די „אנטוואפנונגס קאנפערענץ" וועט זיך ערעפענען אין וואשינגטאן.

דער אדמיראל באציהט זיך גאנץ סקעפטיש צו דער פראגראם פון דער אנטוואפנונגס קאנפערענץ. ער צווייפעלט, אויב די קאנפערענץ וועט עפעס אויפטאן, סיידען די שטאטסלייט וועלען באווייזען, אז זייער ווילען ווירקליך פארקלענערען די מיליטערישע קרעפטען פון דער וועלט. זאגט דער אדמיראל:

„מ'קאן זיך קוים פארשטעלען, אז די ים־קרעפטען קאנען פארקלענערט ווערען דורך פארקלענערען די צאל שיפען. אויך קאן מען דעם צוועק ניט דערגרייכען דורך פארקלענערען די קאסטען פון די נייע שיפען. אויב מען וויל ווירקליך פארקלענערען די באוואפנונגען, און פאר אלע גלייך, אויב דאס איז דער צוועק פון דער קאנפערענץ, דאן איז די מעטאדע א גאנץ גרינגע: גיט אויף די קריגס שיפען, ווארפט זיי אריין אין אלטווארג!

„זאלען אלע איינגעהן דארויף, אז אלע קריגס שיפען גרעסער פון 15 טויזענט טאן, און אלע קאנאנען גרעסער פון דעם זעקס־אינטש קאליבער און אלע סאבמארינס זאלען באלד פארווארפען ווערען, און מ'זאל זיי מעהר ניט טארען באנוצען. דאס וואלט פארקלענערט די פלאטע אויסגאבען אויף 75 ביז 90 פראצענט.

„זאל מען אויך פארקלענערען די יבשה באוואפנונגען און די ארמייען. א ווירקזאמען ביישפיל פון אזא אנטוואפנונג האבען מיר געזעהן אין דעם פאל פון דייטשלאנד, וועלכע איז לויט דעם שלום אפמאך אנטוואפענט געווארען. דאס איז געווען די איינציגע גרויסע הילף, וואס דייטשלאנד האט געקראגען זינט דער מלחמה. זי האט זיך באפרייט פון דער שווערער משא פון אנצוהאלטען אן ארמיי און א פלאטע".

אונז געפעלט גראדע וואס אן אדמיראל, א געוועזענער הויפט אינזשיניר פון דער אמעריקאנער נייווי, רעדט אזוינע קלארע דבורים. מיר וועלען אבער ניט געבען קיין פרוטה פאר די שאנסען, וואס אדמיראל באולעס'עס מיינונגען וועלען האבען אויף דער „אנטוואפנונגס קאנפערענץ". בויען מורא'דיג גרויסע שיפען לויט דער פרייז פון 30 מיליאן דאלער א שטיק איז א גאנץ גוטער געשעפט, און מיט גוטע געשעפטען ווארפט מען זיך ניט גלאט אין דער וועלט אריין. און די וואס באטרייבען די געשעפטען פון בויען שיפען האבען א שטיקעל דעה אין יענע מקומות...

א סטרייק געגען „טיפס" אין בערלין.

„מיר נעמען מעהר ניט קיין טיפס. זייט אזוי גוט און נעמט צוריק אייער געלט".

פאר די טויזענטער אמעריקאנער, וואס געפינען זיך איצט אין בערלין, ווייל דער מארק איז געפאלען און אלץ איז ביליג, איז דאס א שטוינענדע ערשיינונג, א גאנצע רעוואלוציע. די ארגאניזירטע וועיטערס פון בערלין זיינען ארויס אין סטרייק און פאדערען, אז מ'זאל אפשאפען טיפס און זיי געבען אנשטענדיגע וויידזשעס. מעהרסטע רעסטאראנען אין בערלין האבען זיך געמוזט צומאכען אלס רעזולטאט פון דעם אנטי־טיפ סטרייק.

די טוריסטען און אנדערע מינים וואוילהאבענדע באזוכער אין בערלין האבען גארניט געגען דעם, אז די וועיטערס אין די רעסטאראנען זאלען ניט נעמען קיין טיפס. פאר זיי איז עס גראדע אן אנגענעמע איבערראשונג. אבער פאר די בערלינער וועיטערס איז דאס א גרונדפראבלעם. די דייטשע קעלנערס ווילען זיך פילען ווי ווירדיגע ארבייטער און ניט ווי די לאקייען פון די פארמעגליכע. פאר זייער ארבייט ווילען זיי אן אנשטענדיגען לוין און ניט די ערנידערונג פון א טיפ. און זיי קעמפען פאר זייער פאדערונג.

דער קאמף איז ניט אמעריקאניש. די בערלינער פאליציי שטעהט ניט גרייט צו דינען די בעלי־בתים, ווי ביי אונז. עטליכע רעסטאראנען, וואס זיינען באזוכט מעהרסטענס פון אמעריקאנער, האבען געפרובט באנוצען זיך מיט אמעריקאנער מעטאדען און האבען אנגעשטעלט סטרייקברעכער. אבער די סטרייקער זיינען געקומען און די סטרייק ברעכער ארויסגעיאגט.

דער הויפט פון דער בערלינער פאליציי איז א סאציאל דעמאקראט, פארשטעהט איהר.

אין דער דעזיינערס יוניאן, לאק. 45

די פארזאמלונג וואס די דעזיינערס' יוניאן האט איינגערופען אין די „בלוויע רום" פון מעקאלפין האטעל, איז געווען א גרויסער ערפאלג. צום מיטינג זיינען גערופען געווארען אלע קלאוק־דעזיינער, יוניאן־לייט און ניט קיין יוניאן־לייט, און דער האל איז געווען איבערפילט. אלע האבען אויפמערקזאם אויסגעהערט די רעדנער, וועלכע האבען געשילדערט די איצטיגע לאגע פון די דעזיינערס אין דער קלאוק אינדוסטריע.

און די לאגע פון די דעזיינערס איז איצט גאר א שלעכטע. מעגליך אפשר אז דאס וועט זיי מאכען איינזעהן, ווי נויטיג עס איז פאר זיי צו זיין ארגאניזירט.

די ברידער פיינבערג און לאנגער, דער מענעדזשער און סעקרעטאר פון דזשאינט באארד פון די קלאוקמאכער, יוניאן, האבען דעם מיטינג אדרעסירט, און האבען קלאר געמאכט פאר די דעזיינערס אין וועלכע לאגע זיי געפינען זיך, און ווי נויטיג עס איז פאר זיי אלע צו זיין ארגאניזירט אין איין שטארקע יוניאן. ברודער לאנגער האט שטארק באטאנט, דאס נאר דורך א יוניאן וועלען די דעזיינערס קאנען פארבעסערען זייער לאגע. ברודער פיינבערג האט אנגעוויזען, דאס עס איז שוין לאנג אריבער די צייט, ווען דער דעזיינער איז געווען אין א שאפ א יחסן און האט געהאט געוויסע פריווילעגיען. יעצט — זאגט ער — זיינען זיי איינפאכע ארבייטער, און אלס אזעלכע דארפען זיי זיך באטראכטען. ער ווייזט אויך אן דאס גרעסערע מענשען פון דעזיינער, וועלכע האבען אמאל געמיינט אז זיי זיינען ניט קיין ארבייטער, זיינען שוין היינט ארגאניזירט אונטער דער אמעריקאן פעדעריישאן אוו לייבאר. ווי א שטייגער שרייבער, זשורנאליסטען, אקטיארען און זאנגער פראפעסארען פון קאלעדזשעס. ווארום זשע, פרעגט ער, שטעהט נאך ניט אן מאנכע דעזיינער זיך אנצושליסען אין דער דעזיינער־יוניאן? ווארום זאלען די דעזיינערס זיין הפקר אין די שעפער, וועהרענד יעדער אנדער ארבייטער אין דעם שאפ איז אונטער דער פראטעקציע פון דער יוניאן?

און דער רעדנער האט אויפגעפאדערט אלע דעזיינערס זיך אנצושליסען אן דער דעזיינערס יוניאן לאקאל 45 און דורך געמיינשאפטליכע כחות זיך פארבעסערען די לאגע. און ווען דער רעדנער האט צום שלום געזאגט, דאס עס וועט קומען א צייט, ווען די יוניאן וועט ניט טאלערירען אין שאפ קיין ארבייטער וואס באלאנגט ניט אין יוניאן, מעג דאס אפילו זיין א דעזיינער, האט אויסגעבראכען א הארציגער אפלאוז פון אלע אנוועזענדע דעזיינערס. דער אפלאוז האט געוויזען, דאס מאנכע פון די ניט־יוניאן דעזיינערס האבען איינפאך ניט דעם מוט זיך אנצושליסען אן דער יוניאן, און זיי ווארטען אויף דער צייט, ווען די יוניאן וועט עס זיי צווינגען צו טאן.

(שלוס אויף זייט 13).

STATEMENT OF THE OWNERSHIP, management, circulation, etc., required by the Act of Congress of August 24, 1912, of Gerechtigkeit, published weekly at New York, N. Y., for October 1, 1921.

State of New York, County of New York, ss:

Before me, a Notary Public, in and for the State and county aforesaid, personally appeared Abraham Tuvim, who, having been duly sworn according to law, deposes and says that he is the Business Manager of the Gerechtigkeit, and that the following is, to the best of his knowledge and belief, a true statement of the ownership, management, etc., of the aforesaid pubication for the date shown in the above caption, required by the Act of August 24, 1912, embodied in section 443, Postal Laws and Regulations, printed on the reverse of this form, to wit:

1. That the names and addresses of the pubisher, editor, managing editor, and business managers are:

Publisher: International Ladies' Garment Workers' Union, 31 Union Sq., New York, N. Y.

Editor: S. Yanovsky, 31 Union Square, New York, N. Y.

Managing Editor: None.

Business Manager: A. Tuvim, 31 Union Square, New York, N. Y.

2. That the owners are: International Ladies' Garment Workers' Union, 31 Union Square, New York, N. Y., B. Schlesinger, President; A. Baroff, Secretary-Treasurer. An association not incorporated, consisting of about 120,000 members.

3. That the known bondholders, mortgagees, and other security holders owning or holding 1 per cent or more of total amount of bonds, mortgages, or other securities are: None.

4. That the two paragraphs next above, giving the names of the owners, stockholders, and security holders, if any, contain not only the list of stockholders and security holders as they appear upon the books of the company but also, in cases where the stockholder or security holder appears upon the books of the company as trustee or in any other fiduciary relation, the name of the person or corporation for whom such trustee is acting, is given; also that the said two paragraphs contain statements embracing affiant's full knowledge and belief as to the circumstances and conditions under which stockholders and security holders who do not appear upon the books of the company as trustees, hold stock and securities in a capacity other than that of a bona fide owner; and this affiant has not reason to believe that any other person, association, or corporation has any interest direct or indirect in the said stock, bonds, or other securities than as so stated by him.

ABRAHAM TUVIM, *Business Mgr.*

Sworn to and subscribed before me this 26th day of September, 1921.

(Seal) Jacob M. Rosenblatt, *Notary Public.*

(My commission expires March 30, 1922.)

GERECHTIGKEIT
A Jewish Labor Weekly
Published every Friday by the International Ladies' Garment Workers' Union
Office, 31 Union Square New York, N. Y. Tel. Stuyvesant 1126.
B. SCHLESINGER, President S. YANOFSKY, Editor.
A. BAROFF, Sec'y-Treas. ABRAHAM TUVIM, Business Mgr.
Subscription price paid in advance, $1.00 per year.
Vol. III. No. 41. Friday, October 7, 1921.
Entered as Second Class matter April 16, 1920, at the Postoffice at New York, N. Y., under the act of August 24, 1912.
Acceptance for mailing at special rate of postage provided for in section 1103 Act of October 3, 1917, authorized on January 25, 1919.

ערשטע קוויטירונגען פון ניו יארקער ווייסט און דרעס שעפער פאר סאוועט־רוסלאנד

אלע באאמטע פון דעם דזשוינט באארד אין דער ווייסט און דרעס אינדוסטריע טעקסען זיך מיט א טאג שכירות.

מיר פאנגען דא אן צו דרוקען די ערשטע קוויטירונגען פון די ניו יארקער ווייסט און דרעס שעפער. דאס ווייזט, אז די ארבייטער פון די ווייסט און דרעס שעפער ווילען ניט אפשטעהן פון די קלאוקמאכער און ווילען מאכען אלע אנשטרענגונגען צו העלפען די הונגער־ליידענדע מאסען פון סאוועט־רוסלאנד.

צוזאמען מיט די קוויטירונגען וואס זיינען געבראכט געווארען פון די טשערלייט פון די ווייסט און דרעס שעפער, האבען מיר אויך באקומען א ליסט מיט די ביישטייערע פון אלע באאמטע און אנגעשטעלטע אין די אפיסעס פון דעם דזש. באארד. דיזע באאמטע און אנגעשטעלטע האבען זיך אליין, גאנץ פרייוויליג, געטעקסט מיט א טאג פון זייערע שכירות פאר די הונגער־ליידענדע מאסען פון סאוועט רוסלאנד. דאס איז פון זייער זייט געוויס גאנץ שעהן.

מיר גיבען דא, אלזא, פריהער דעם ליסט מיט קוויטירונגען פון די ביישטייערונגען פון די באאמטע פון דער דזש. באארד און די אנגעשטעלטע פון די אפיסעס, און נאכדעם די ליסטען פון די דרעס און ווייסט שעפער, אין דעם סדר ווי די געלדער זיינען געבראכט געווארען אין די אפיסעס פון דער ווייסט און דרעסמאכער יוניאן:

אפיסערס פון דער דזש. באארד פון דרעס און ווייסטמייקערס יוניאן:

מ. ק. מאקאוו — — — — — — —	$12.73
דזש. האלפערן — — — — — —	18.19
א. ע. פרידמאן — — — — — —	10.00
ב. אקערמאן — — — — — — —	10.00
דזש. שארניק — — — — — —	7.27
ק. קאהען — — — — — — —	10.00
ס. אמיקא — — — — — — —	10.00
פ. ארעטצקי — — — — — —	10.00
נ. פאגראן — — — — — — —	10.00
פ. אליווא — — — — — — —	10.00
נ. שעכטער — — — — — — —	10.00
א. גריוועלא — — — — — —	10.00
דזש. שאפירא — — — — — —	10.00
א. סאגין — — — — — — —	10.00
דזש. דינאלא — — — — — —	10.00
דזש. קאביאטי — — — — — —	10.00
א. בערנשטיין — — — — — —	10.00
ג. שעיר — — — — — — —	10.00

אפיס סטעף פון דער דזש. באארד פון דרעס און ווייסטמייקערס יוניאן.

עליאס מאנסדארף — — — — —	$4.69
איווא זאבאטאף — — — — —	3.93
העלמא קאנעלי — — — — —	5.39
גרעים האררים — — — — —	4.83
ראוז דייוויס — — — — —	3.93
עדא גרעליך — — — — —	5.39
ליליאן מאסקאוויץ — — — —	5.00
מיסס פריד — — — — — —	5.00
ראוז קערענסקי — — — — —	5.39
לוסי ליפשיץ — — — — — —	5.60
ע. בעסי — — — — — — —	5.00
דייוו טאבים — — — — — —	5.39
ע. אדין — — — — — — —	5.00
דזש. פארטנאי — — — — — —	10.00
דזש. האכמאן — — — — — —	13.64
א. ארלאנס — — — — — — —	10.00
ר. פיער — — — — — — —	10.00
ס. רעיש — — — — — — —	10.00
מ. גוזמאן — — — — — — —	10.00
מ. ספאמין — — — — — — —	10.00
דזש. וו. סעטל — — — — — —	10.00
א. עלניק — — — — — — —	10.00
פ. ליבערטי — — — — — —	10.00
א. גראסי — — — — — — —	10.00
מ. מאסקאוויץ — — — — — —	10.00
י. הארעוויץ — — — — — —	13.64
ס. קאמען — — — — — — —	10.00
ק. קאמפאנעללא — — — — —	7.27
ס. יאנדאלי — — — — — —	10.00
מ. עסענפעלד — — — — — —	10.00
ס. העימאן — — — — — — —	10.00
ל. אנטאניני — — — — — —	25.00

קוויטירונגען פון די ארבייטער אין די ווייסט און דרעס שעפער פאר רוסלאנד.

ס. דאנציגער, 152 וו. 25טע סט.
ד. פארמאן, טשערמאן — — — $51.25
פויסט און רעים, 148 וו. 23טע סט.
מ. בראונשטיין, טשערמאן — — 12.75
שארלאט דר. קא., 1237 בראדוויי.
דזש. זערימצאן, טשערמאן — — 65.18
איירין דרעס קא., 45 א. 20טע סט.
מ. שאפער, טשערמאן — — — 64.91
ס. וויטשא, 143 וו. 20טע סטרים.
ח. ליביאל, טשערמאן — — — 54.00
מילפארד דרעס קא., 134 וו. 26טע סט.
ס. גודעלמאן, טשערמאן — — 19.00
ספעקטאר און בערעלבערג, 15 וו.
30טע סט. ס. גאטליב, טשערמאן 7.50
קלעסי דרעס קא., 127 וו. 25טע סט.
ס. פעינבלאט, טשערמאן — — — — 39.00
ל. ק. ראזענבלאט, 30 וו. 15טע סט.
ס. בראון, טשערמאן — — — 98.00
פאזניק נאנאם קא., 18 וו. 21טע סט.
ב. ווייסמאן, טשערמאן — — 56.36
סאוועל דרעס קא., 406—6טע עווע.
מ. זאלצמאן, טשערמאן — — 20.00
פיזרימאן דרעס קא., 127 וו. 25טע
סט. ע. באקסער, טשערמאן — — 81.00
נ. י. דרעס און קאסטום קא., 35 וו.
35טע סט. דזש. סטאפער, טש. 48.19
ניגרען בראס, 174 בראדוויי — — 51.00
לידינג דרעס קא., 65 וו. 36טע סט.
ע. רובין, טשערמאן — — — — 78.70
ג. ק. דרעס קא., 132 וו. 31טע סט.
פ. די גענאוווא, טשערמאן — 120.25
פאנעמא און ראזענבערג, 18 א. 23טע
סט. ס. פינקעלשטיין, טשערמאן 38.00
ס. פאטניק, 119 וו. 25טע סטרים.
ק. ראמאנא, טשערמאן — — — 6.00
פאריז קאסטום קא., 27 וו. 24טע
סט. ע. בערגער, טשערמאן — — 45.50
מ. פערלמוטער, 140 וו. 22טע סט.
ב. ראזאלינסקי, טשערמאן — — 64.00
פריסט און רעים, 148 וו. 23טע סט.
מ. בראונשטיין, טשערמאן — — 66.05
ה. ראשקע, 44 א. 32טע סט. ט. פאקס,
טשערמאן — — — — — 35.00
רעי דרעס קא., 2132—7טע עווע. — 25.25
י. ראזענטאל, 133 וו. 23טע סט. מ.
דאבנער, טשערמאן — — — 37.00
ראזנער דרעס האוז, 106 וו. 32טע
סט. פ. האלאק, טשערמאן — — 131.82
ראטשטיין און גארדאן, 133 וו. 32טע
סט. מ. לעווין, טשערמאן — — 57.72
שווארץ און מארקוס, 38 וו. 21טע
סט. ע. גאלדשטיין, טשערמאן — 77.50
ב. שעינבאום, 45 א. 20טע סט. פ.
שאפירא, טשערמאן — — — 43.00
ה. סיימאן, 36 וו. 24טע סט. א.
אטצקאף, טשערמאן — — — 77.25
ס. דזש. און וו. דרעס קא., 110 וו.
18טע סט. מ. מעיזעל, טשערמאן 48.79
ב. סקלאר און קא., 41 וו. 17טע
סט. ד. בוויטאף, טשערמאן — 20.50
ספעקטאר און פערלבערג, 15 וו. 30טע
סט. ס. גאטליב, טשערמאן — 40.00
דזש. סטארטש, 142 א. 32טע סט.
ב. מאיער, טשערמאן — — — 65.21
טריא קאסטום קא., 36 וו. 20טע סט.
י. פינק, טשערמאן — — — 90.00
וואלדא, שטיין און שלעזינגער, 25
וו. 26טע סט. א. ציטרין, טש. — 16.60
וואלף און הארן, 37 וו. 28טע סט. ב.
זאלקין, טשערמאן — — — 27.50
אסטאר קאסטום קא., 129 וו. 22טע
סט. ב. מילער, טשערמאן — — 68.50
בערטא קאסטום קא., 9 וו. 35טע סט.
ב. סטיינבערג, טשערמאן — — 44.00
בלאק און שילער, 142 וו. 29טע סט.
דזש. האפמאן, טשערמאן — — 122.36
באראקס און קאהען, 60 וו. 25טע סט.
ק. פאקס, טשערמאן — — — 28.20
באראה דרעס קא., 143 וו. 20טע סט.
מ. גאלדבערג, טשערמאן — — — 31.00
קאנקארד דרעס קא., 133 וו. 24טע
סט. ז. גאלדסמיט, טשערמאן — 51.50
קארנעל קאסטום קא., 27 וו. 24טע
סט. ג. פאנזער, טשערמאן — — 10.50
קאראנא דרעס קא., 6 א. 27טע סט.
דזש. פיציטעלא, טשערמאן — 41.50
ע. עיזענבערג, 106 א. 19טע סטרים.
דזש. אסטראווסקי, טשערמאן — 69.45
ס. עפשטיין, 130 וו. 26טע סטרים.
ד. פעינסעלער, טשערמאן — — 40.00
ב. ק. פאולקנער, 31 א. 31טע סט.
ס. ראזען, טשערמאן — — — 68.10
פלעישמאן און יעלין, 346 6טע עוו.
פ. זינקאווילסקי, טשערמאן — 23.12
פרידמאן און קא., 41 א. 20טע סט.
ל. סארקין, טשערמאן — — — 15.00
פוטעראנסקי און סאן, 153 א. 26טע
סט. א. לאנגער, טשערמאן — — 33.00
גליקמאן און ריווקין, 132 וו. 21טע
סט. מ. ווינטשער, טשערמאן — 32.75
גרינבערג און פרידמאן, 114 וועסט
27טע סט. דזש. אנעקשטיין, טש. 51.00
לעא גרינפעלד, 15 וו. 32טע סט.
ע. מינקעס, טשערמאן — — — 166.30
הימבער דרעס קא., 252—6טע עווע.
א. עילבוירט, טשערמאן — — 27.00
מר. האלאנד, 1395 א. נ. י. עווע.
ב'קלין. א. גודמאן, טשערמאן 19.95
האלוועי, 127 וו. 27טע סט. מ.
האלמצמאן, טשערמאן — — — 43.00
מאקס הארן, 133 וו. 21טע סט.
י. פערקינס, טשערמאן — — — 29.00
הארעוויץ און קאהען, 154 וו. 31טע
סט. ר. האפמאן, טשערמאן — 48.00
דזשייקאבסאן און קאסס, 236—5טע
עווע. א. קאהן, טשערמאן — 35.95
זשעראם בלאוז קא., 63 וו. 38טע
סט. א בערג, טשערמאן — — 50.71
(ווייטערע קוויטירונגען קומט).

עקזעקוטיוו באארד באריכט פון לאקאל 25

א זיצונג פון עקזעקוטיוו באארד פון דער ווייסטמאכער יוניאן לאקאל 25 איז אפגעהאלטען געווארען דינסטאג, סעפטעמבער דעם 20טען, 1921, אין 16 וו. 21טע סטרים, אונטער דעם פארזיץ פון שוועסטער לינא גורמאן.

דער פאלגענדער באריכט פון לעצטען גענעראל מעמבער־מיטינג איז געלייענט און גוטגעהייסען געווארען:

„צו דער עקזעקוטיוו באארד פון דער ווייסט מאכער יוניאן לאקאל 25.

גרוס:

איך וויל אייך אינפארמירען, אז ביי אונזער לעצטען גענעראל מעמבער מיטינג, וועלכער איז אפגעהאלטען געווארען דאנערשטאג, דעם 15טען סעפטעמבער, 1921, אין בעטכאווען האל, איז אייער רעפארט גוטגעהייסען געווארען. עס איז אויך ביי דעם מיטינג באשלאסען געווארען, אז טשארלס זימערמאן, דייוויד פרידמאן און ראוז ניומאן, וועלכע זיינען סוספענדירט געווארען פון אונזער לאקאל פאר א יאהר צייט לויט דעם באפעהל פון דעם דזשאינט באארד, זאלען צוריק אריינגענומען ווערען אלס מיטגלידער אין אונזער לאקאל. ביים זעלבען מיטינג זיינען מיטגלידער דערוועהלט געווארען צו דעם עקזעקוטיוו באארד אויפ'ן פלאץ פון די מיטגלידער פון דעם דאון טאון ברענטש, וועלכע האבען ענטוועדער רעזיגנירט אדער זיינען אויסגעשלאסען געווארען פאר ניט קומען צו די זיצונגען. דא זיינען די נעמען פון די נייע דערוועהלטע:

איידא ראטסטיין, ראוז פאגאטא, מרים לעווין און מאקס בערג.

דיזער מיטינג האט אויך גוטגעהייסען דעם גענעראל ארגאניזאציאנס־פלאן, וואס איז אנגענומען געווארען פון די עקזעקוטיוו באארדס פון אלע לאקאלס, וועלכע זיינען אנגעשלאסען אן אונזער דזשאינט באארד, און עס איז ווייטער באשלאסען געווארען, אז מיר זאלען שיקען א בריף צו אונזער דזשאינט באארד פארלאנגענדיג פון איהם צו רופען א מיטינג פון אלע שאפ טשערלייט און אקטיווע מיטגלידער פון אונזער אינדוסטריע מיט'ן צוועק ווידער אויפצולעבען די אפגעשאפטע שאפ דעלעגאטען קערפערשאפט און קריגען זייער מיטהילף אין דורכפיהרען אונזער ארגאניזאציאנס־ארבייט."

אין פארבינדונג מיט דעם איז דער סעקרעטאר אינסטרואירט געווארען צו שיקען א בריף צו דעם דזשאינט באארד און איהם לאזען וויסען וועגען דעם באשלוס, וואס איז אנגענומען געווארען ביי אונזער מעמבער־מיטינג וועגען די מיטגלידער, וואס זיינען סוספענדירט געווארען אויפ'ן באפעהל פון דעם דזשאינט באארד, און איהם אנווייזען אויף די אונרעגעלמעסיגקייטען פון זיין האנדלונג אין פארבינדונג מיט דעם פראצעס און פארלאנגען פון דעם דזשאינט באארד אומצוווארפען זיין ערשטען באשלוס צוליב די אויבענדערמאנטע אומרעגעלמעסיגקייטען.

דער סעקרעטאר איז אויך אינסטרואירט געווארען צו שיקען נאך א צושריפט צום דזשאינט באארד אין איינקלאנג מיט דעם באשלוס, וואס איז אנגענומען געווארען ביי דעם גענעראל מעמבער מיטינג פארלאנגענדיג פון דעם דזשאינט באארד צו רופען א מיטינג פון אלע שאפ טשערלייט און אקטיווע מיטגלידער פון דער דרעס און ווייסט אינדוסטריע מיט'ן צוועק ווידער אויפצולעבען די שאפ־דעלעגאטען קערפערשאפט און קריגען זייער מיטהילף אין דורכפיהרען אונזער ארגאניזאציאנס קעמפיין.

די נייע דערוועהלטע מיטגלידער צו דעם עקזעקוטיוו באארד פון דעם דאון־טאון ברענטש זיינען צוגעלאזען און איינסטאלירט געווארען.

דער פראטאקאל פון לעצטען מיטינג פון דער עקזעקוטיוו באארד איז נאכהער געלייענט געווארען און איז גוטגעהייסען געווארען אזוי ווי געלייענט.

אויך דער באריכט פון דעם דזשאינט באארד מיטינג פון סעפטעמבער דעם 4טען איז גוטגעהייסען געווארען אזוי ווי געלייענט.

אין פארבינדונג מיט דעם רעפארט איז דער סעקרעטאר אינסטרואירט געווארען צו שיקען צום דזשאינט באארד דעם פאלגענדען צושריפט:

ערשטענס, צו ציהען די אויפמערקזאמקייט פון דזשאינט באארד צו דעם פאקט, אז די ארגאניזאציאנס קאמיטע, וואס איז באשטימט געווארען פון דער רערמאנטער קערפערשאפט פונקציאנירט ניט, און אזוי ווי מיר רעכענען אז די קאמיטע איז איינע פון די וויכטיגסטע, פארלאנגען מיר דעריבער, אז דער דזשאינט באארד זאל ווירקען אויף די מיטגלידער פון דער קאמיטע צו טאן זייער פליכט, אדער באשטימען אנדערע אויף זייער פלאץ. צווייטענס, אויפמערקזאם מאכען דעם דזשאינט באארד, אז ביי דעם געמיינשאפטליכען קאנפערענץ וואס איז אפגעהאלטען געווארען פון די עקזעקוטיוו באארדס פון אלע לאקאלס, וועלכע זיינען אנגעשלאסען אן אונזער דזשאינט באארד, ווען דער גענעראל ארגאניזאציאנס פלאן איז אנגענומען געווארען איז געוועזן פארשטאנען, אז ווען נאר דיסטריקט מיטינגען וועלען גערופען ווערען, זאל מען וועגען דעם לאזען וויסען די עקזעקוטיוו באארד מיטגלידער פון די פארשיידענע לאקאלס, כדי זיי זאלען קומען צו אט דיזע מיטינגען און אדרעסירען די ארבייטער אין נאמען פון דער גענעראל ארגאניזאציאנס קאמיטע. דער באשלוס איז ניט דורכגעפיהרט געווארען אויף אזוי ווייט ווי דיסטריקט מיטינגען זיינען שוין ארגאנזירט, און קיינע פון אונזערע עקזעקוטיוו באארד מיטגלידער האט מען וועגען דעם ניט געלאזט וויסען. מיר פארלאנגען, אז דער דזשאינט באארד זאל דעריבער אינסטרואירען דעם ארגאניזאציאנס דעפארטמענט צו שיקען אזעלכע מעלדונגען צו אלע עקזעקוטיוו באארד מיטגלידער. דריטענס, צו שיקען א בריף צום דזשאינט באארד אנפרעגנדיג וואוהין די רעליף געלדער, וואס ווערען איצט געזאמעלט פון דזשאינט באארד צו העלפען די רוסישע הונגער־ליידענדיגע דארפען געשיקט ווערען און דורך וועמען זיי וועלען אריבערגעפיהרט ווערען קיין רוסלאנד.

דער סעקרעטאר איז אויך אינסטרואירט געווארען צו שיקען א בריף צו דער גענעראל עקזעקוטיוו באארד פארלאנגענדיג, אז זי זאל רופען א געמיינשאפטליכע קאנפערענץ פון די עקזעקוטיוו באארדס פון אלע איהרע אנגעשלאסענע לאקאלס אין ניו יארק סיטי, מיט'ן צוועק אויסצוארבייטען פלענער ווי אזוי צו ארגאניזירען די שעפער, וואס געפינען זיך אויסער ניו יארק.

עס איז ווייטער באשלאסען געווארען צו דערוועהלען צוויי קאמיטעס, יעדע פון צוויי מיטגלידער, וועמעס פליכט זאל זיין צו באזוכען די מיטינגען פון אלע לאקאלס וואס זיינען אנגעשלאסען אן אונזער דזשאינט באארד פארלאנגענדיג פון זיי זיך אנצושליסען אן אונזער פארלאנג פון דער גענעראל עקזעקוטיוו באארד אז אזא קאנפערענץ זאל גערופען ווערען. די פאלגענדע זיינען פאר דעם צוועק דערוועהלט געווארען: איידא ראטסטיין, לינא גודמאן, דארא רוביגשטיין און מרים לעווין.

די פינאנץ קאמיטע האט אריינגעבראכט איהר רעפארט און ער איז גוטגעהייסען געווארען אזוי ווי פארגעלעגט.

אויף א פארשלאג איז באשלאסען געווארען צו אינסטרואירען דער ארגאניזאציאנס קאמיטע צו האבען א ספעציעלען מיטינג, דינסטאג, דעם 27טען סעפטעמבער, 5 אזייגער אין אווענט, איידער די עקזעקוטיוו באארד הויבט אן איהר זיצונג, כדי אויפצונעהמען און באטראכטען ארגאניזאציאנס פראגען, וועלכע פאדערען באלדיגע אויפמערקזאמקייט.

מיט דעם האט זיך דער מיטינג געשלאסען.

טשארלס דזשייקאבסאן, סעק.

י. ב. סאלוצקי, דער קונדס הקטן
לעזט דעם ארטיקעל אין דעם אקטאבער נומער
„צוקונפט“
וועגען די לעצטע געשעהענישען אין דער אידישער סאציאליסטישער באוועגונג.
דער ארטיקער איז געשריבען פון רעדאקטאר פון דער „צוקונפט,“
א. ליעסין

נאטיצען פון עדיוקיישאנאל דעפארטמענט

איצטער, ווען ראש השנה איז שוין פאריבער, וועלען אונזערע סטודענטען זיך צוריקקערען אין די יוניטי סענטערס כדי פארטצוזעצען זייער שטודיום.

אונזערע מעמבערס דארפען וויסען, אז ווען זיי פאנגען אן לערנען טאן מען עס ניט אינמיטען אויפגעבען, מען דארף פארטזעצען דאס שטודיום גאנץ רעגעל־מעסיג.

זאלען אויך נייע סטודענטען זיך רע־דזשיסטרירען פאר די קלאסען און אנ־פאנגען לערנען. וואס ווייטער צייגט זיך אלץ מעהר ארויס ווי נויטיג עס איז פאר די ארבייטער צו זיין אינטעליגענט און געבילדעט און מיר גיבען אונזערע מיטגלי־דער די בעסטע געלעגענהייט דאס צו ווע־רען, מיט א קליין ביסעלע אנשטרענגונג פון זייער זייט.

נעהט אריין אין די יוניטי סענטערס! לערענט, שטודירט, לעזט און דענקט, ווערט אינטעליגענט און געבילדעט.

* * *

א ליפלעט וועגען עדיוקיישאן.

אונזער עדיוקיישאנאל דעפארטמענט האט ארויסגעלאזען דעם פאלגענדען ליפ־לעט פאר די מיטגלידער פון דער אינטער־נעשאנאל:

„שוועסטער און ברידער!

איהר ווייסט אז אהן מאכט זיינט איהר שוואך און קאנט וועניג אויפטאן.

איהר ווייסט, אז מיט מאכט זיינט איהר שטארק.

ווייסט איהר וואס פאר א מאכט קאן אייך אם מעהרסטען העלפען?

ס'איז נישט בלויז די מאכט פון אר־גאניזאציע אדער יוניאן.

ס'איז פאראן נאך א מאכט, וואס איז פונקט אזוי וויכטיג.

דאס איז מאכט פון וויסען.

איהר קאנט באקומען אזא מאכט, אויב איהר וועט זיך באנוצען מיט די געלעגענ־הייטען, וואס אייער אינטערנעשאנאל גיט אייך צו לערנען.

אין די יוניטי סענטערס קאנט איהר לערנען ענגליש, די שפראך פון לאנד, אין וועלכען איהר לעבט און ארבייט.

איהר קאנט שטודירען די געשיכטע פון טרייד־יוניאניזם, עקאנאמיק, פסיכאלאגיע, ליטעראטור און אנדערע וויכטיגע און ווערטפולע געגענשטאנדען — אין די יו־ניטי סענטערס און אין אונזער ארבייטער־אוניווערזיטעט.

איהר קאנט זיך לערנען ווי צו פאר־שטעהן און אפשאצען די עקאנאמישע, אינדוסטריעלע, פאליטישע און סאציאלע באדינגונגען, אונטער וועלכע איהר לעבט, אזוי גוט ווי די פראבלעמען פון אייער אייגענער ארגאניזאציע און באוועגונג.

איהר קאנט זיך באנוצען מיט אייער וויסען כדי אריינצוטרייבען מעהר פרייד און גענוס אין אייער אייגענעם לעבען און אין די לעבענס פון אייערע ברידער אר־בייטער.

איהר מוזט זיך אנשליסען אן אונזערע קלאסען און ברענגען אנדערע מיט זיך.

די יוניטי סענטערס וועלען אנגעפיהרט ווערען ווי פאר־א־יאהרען. דער ארביי־טער אוניווערזיטעט וועט אנגעפיהרט ווע־רען ווי פאר־א־יאהרען.

אויסער דעם וועט אייער אינטערנע־שאנאל ארגאניזירען קלאסען אין אידיש.

די דאזיגע קלאסען אין אידיש וועלען געהאלטען ווערען אין די אפיסעס פון אונ־זערע לאקאלען און אין א צייט, וואס איז אם בעסטען צוגעפאסט פאר אייך.

שליסט זיך אן אן אייערע קלאסען, רעגיסטרירט זיך באלד!

געדענקט! בילדונג און וויסען וועט פארגרעסערען אייער מאכט."

ווי גלייכט איהר אט דעם ליפלעט? דענקט איהר ניט, אז דאס וואס ווערט דארט געזאגט איז ריכטיג?

אויב יע, טו זעהט, אז דער ליפלעט זאל פארשפרייט ווערען צווישען די גרוי־סע מאסען פון אונזערע מיטגלידער. זא־לען אונזערע טעטיגערע מיטגלידער קו־מען אין אונזער אפיס נאך די ליפלעטס און זיי פארשפרייטען צווישען די גרויסע מא־סען. אט דער ליפלעט דארף דערגרייכען יעדען מיטגליד פון אונזער אינטערנעשא־נאל אין ניו יארק. קומט און העלפט אונז מיט אין דער ארבייט.

די קורסען וואס ווערען געגעבען דעם סעזאן אין די יוניטי סענטערס.

„ווי מאכט א מענש א לעבען?"

מר. ווילבערט'ס קורס איבער דער טעמא וועט געוויס זיין גאנץ אינטערע־סאנט פאר אונזערע סטודענטען.

דער איינקונפט פון יעדע פערזאן קומט פון פיער קוועלען, ווי דאס איז א שטייגער, מיט'ן פארמער, וועלכער האט דאס לאנד. באזיצט זיין קאפיטאל, מע־נעדזשט אליין זיין פארם און טוט אליין אלץ וואס איז נויטיג פאר זיין געשעפט. אבער אין די מערסטע פאלען, באקומען די מענשען דעם גרעסטען טייל פון זייער איינקונפט:

1. דורך ארבייטען מיט די אייגענע הענד.
2. דורך ארבייטען מיט'ן מארך.
3. דורך באארבייטען דאס לאנד און אנדערע נאטירליכע רייכטימער.
4. דורך באזיצען קאפיטאל — אדער די פראדוקציאנס־מיטעל.

דורך דעם קורס וועט ערקלערט ווע־רען:

א. דער אורשפרונג פון יעדען קוואל פון די איינקונפטען.

ב. דער איצטיגער שטאנד פון איינ־קונפט פון יעדען קלאס.

ג. די שייכות פון דער ארבייטער בא־וועגונג צום איינקונפט פון יעדען קלאס.

ד. די מעגליכע צוקונפט וואס ער־ווארט דעם איינקונפט פון יעדען קלאס.

* * *

די אדרעסען פון די יוניטי סענטערס.

איסט סייד יוניטי סענטער — פאב־ליק סקול 63, 4טע סטריט, נעבען 1טער עוועניו.

ווייסטמאכערס יוניטי סענטער — פאבליק סקול 40, 320 איסט 20טע סט.

הארלעם יוניטי סענטער — פאבליק סקול 171, 103טע סט., נעבען 3טע עוו.

בראנקס יוניטי סענטער — פאבליק סקול 54, אינטערוואל עוו. און פרימען סטריט.

צווייטער בראנקס יוניטי סענטער — פאבליק סקול 42, וואשינגטאן עוועניו און קלערמאנט פארקוויי.

וויליאמסבורג יוניטי סענטער — פאב־ליק סקול 147, בושוויק עוו. און מעקיבען סט., ברוקלין.

בראנזוועלער יוניטי סענטער — פאב־ליק סקול 84, סטאון און גלענמאר עוו., ברוקלין.

רעדזשיסטרירען זיך און באקומען אינפארמאציע קאנען אונזערע מיטגלידער אין אפיס פון עדיוקיישאנאל דעפארט־מענט, 31 יוניאן סקווער, רום 1003, און אין די אפיסעס פון די לאקאל יוניאנס.

די געשיכטע פון דער אמעריקאנער ארבייטער באוועגונג

פון מאקס לעווין.

„אינדוסטריעל ווארקערס אוו די ווארלד".

די „אמעריקאן פעדערריישאן אוו לייבאר" האט ניט געקענט צופרידען שטע־לען אלע עלעמענטען פון דער ארבייטער באוועגונג.

דיזע עלעמענטען האבען באהויפטעט, אז

1. די אמ. פעד. אוו לייבאר קעמפט געגען קאפיטאליסטען און ארבייטסגע־בער, אבער ניט געגען די קאפיטאליסטי־שע ארדנונג, און דארום קענען ניט סא־ציאליסטען און אנדערע ראדיקאלען זיין צופרידען מיט איהר.

א) אמעריקאנער סאציאליסטען ווי סאציאליסטען פון דער גאנצער וועלט, זיינען שטארק אקטיוו אין דער ארבייטער באוועגונג מיט דער אבזיכט צו געבען די ארבייטער באוועגונג א סאציאליסטישע ווענדונג.

ב) די באציאונגען צווישען די א. פ. אוו ל. און די עקזיסטירענדע גרופע סא־ציאליסטען זיינען פון אנפאנג אן געווען אנגעשטריינגט, און אין 1891 ווערען זיי איינגאנצען אפגעבראכען. אין דעם יאהר אנזאגט זיך די קאנווענשאן פון די א. פ. אוו ל. צו אנערקענען לוסיען סעניעלס אלס דעלעגאט.

ג) אין 1893 ווערט געגרינדעט די „סאשעליסט טרייד ענד לייבאר אליי־ענס" אלס אן אפאזיציאנס יוניאן געגען די א. פ. אוו ל. אין דער ווירקליכקייט איז די „סאשעליסט טרייד ענד לייבאר עלייענס" ניט מעהר ווי א טייל פון דער „סאשעליסט לייבאר פארטי" און ווערט איינגאנצען באהערשט פון דעניעל דע־ליאן.

ד) די „סאשעליסט טרייד ענד ליי־באר עלייענס" איז אבער ניט ערפאלג־רייך, ווייל אפילו א סך סאציאליסטען אנזאגען זיך אנצושליסען אן איהר, און בלייבען מיט דער א. פ. אוו ל. צו „בויע־רען פון אינוועניג".

2. די א. פ. אוו ל. באשטייט אויף דער פאך־פארמע פון ארגאניזאציאן, און דארום קען זי ניט צופרידען שטעלען אר־בייטער, וועלכע זיינען באשעפטיגט אין אזוינע ענטוויקעלטע אינדוסטריען, וואו די פאך־פארמע איז ניט מעהר צוגעפאסט פאר ארבייטער קעמפע.

א) אין 1887 ווערט ארגאניזירט אויף די פרינציפען פון „אינדוסטריעל יוניאניזם" די „נעשיאנאל יוניאן אוו ברויערי ווארקערס אוו אמעריקא".

ב) אויף די זעלבע פרינציפען ווערט אין 1893 ארגאניזירט די „וועסטערן פעדערריישאן אוו מיינערס".

ג) צוליעב פסיכאלאגישע אזוי גוט ווי עקאנאמישע אורזאכען ווערט די „וועסטערן פעדערריישאן אוו מיינערס" אלץ מעהר ראדיקאל, און אין 1902 ווערט איהר פראגראם דעפינירט, און בא־שטעהט פון:

1) סאציאליזם אלס ענדציעל.
2) פאליטישע מעטאדען.
3) די אינדאסטריעל פארמע פון ארגאניזאציאן.

ד) די „וועסטערן פעדערריישאן אוו מיינערס באגנוגענט זיך ניט בלויז מיט ארגאניזירען די מיינערס, נאר פירט א שטארקע פראפאגאנדא צווישען אנדערע ארבייטער, ווי געהילף־ארבייטער, אר־בייטער באשעפטיגט אין רעסטאראנען און האטעלען און אנדערע, און ארגאני־זירט די „וועסטערן לייבאר יוניאן", און שפעטער אויך די „אמעריקאן לייבאר יוניאן".

(שלום, קומט)

זייערע מעלות האבען פערניכטעט פריז און־טערשיעד אין סיגארעטס
ביעטש נאט
סיגארעטס
איהר קענט ניט העלפען איהר מוזט זיי גלייכען
P. Lorillard Co.
20 פאר 15¢

נייע חיים פון לאס. 48

(שלום פון זייט 1).

רען אין דעם „קאונסיל־רום", א שעהנער, רייך־מעבעלירטער זאל, וואס איז ספע־ציעל געבויט געווארען פאר די מיטינגען פונ'ם עקזעקוטיוו באארד פון לאקאל 48. אלץ אין דעם זאל איז אזוי שעהן און געשמאקפול דאס עס איז אן אמת'ער פאר־גענינגען דארט צו זיצען ביי א פארזאמ־לונג. מען פיהלט אז מען זיצט אין א טעמפעל וואו עס רוהט די שכינה פון דעם גאט פון אייניגקייט, פון דעם גאט פון דער ארגאניזירטער ארבייטערשאפט, צו ווע־מען עס געהערט די צוקונפט פון דער וועלט!

לכבוד דער שמחה האט לאקאל 48 גע־געבען יענעם טאג א דינער פאר דעם דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד, און אויך די בעאמטע פון די לאקאלס, וואס זיינען אנוועזענד געוועזען אלס געסט, ביי יענער זיצונג פון דעם דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד.

דעם זעלבען פרייטאג אוונט האט לא־קאל 48 געגעבען א באנקעטעל פאר'ן גאנ־צען דזשאינט באארד פון דער קלאוקמא־כער יוניאן. דאס איז פארגעקומען טא־קע אין דער נייער בילדינג. דערביי, נא־טירליך, זיינען געהאלטען געווארען פא־סיגע רעדען פון די ברידער פיינבערג, לאנ־גער, קאפלאוויטש און בערקאוויטש. פאר אונזער אינטערנעשאנאל האט גערעדט סעקרעטער־טרעזשורער אב. באראף.

דער טשערמאן פון אוונט איז געווען ברודער מאריסינא, דער טשערמאן פון עקזעקוטיוו באארד פון לאקאל 48. אונ־זער וויס־פרעזידענט סאלוואטאר ניניפא, דער מענעדזשער פון דעם לאקאל, האט באגריסט די געסט אין נאמען פון לאקאל 48 און האט אויסגעדריקט צופרי־דענקייט, וואס דער גאנצער דזשאינט באארד איז אנוועזענד געווען אויף דער שמחה.

אבער מיט דעם האט זיך נאך ניט גע־ענדיגט דער יום טוב אין לאקאל 48. פאר דעם פרייטאג אוונט זיינען איינגעלאדען געווארען אלע מענעדזשערס און די ביז־נעס אייזשענטס פון דער קלאוקמאכער יוניאן, צוזאמען מיט די לאקאל בעאמטע און די עקזעקוטיוועס פון אלע לאקאלס וואס זיינען פארטראטען אין דזשאינט באארד פון די קלאוקמאכער יוניאן. עס וועט פארקומען ווידער דיזעלבע זאך, א באנקעטעל, רעדעס און אויך אביסעל מו־זיק. עס וועט זיין נאך אן אנגענעמער ברידערליכער אוונט.

מיר באגריסען לאקאל 48 און מיר ווינשען איהם גליק אין זיין נייער פראכט־פולער היים. זאלען אזעלכע שמחות זיין אין אונזער יוניאן וואס מעהר! אזעל־כע היימען מיט אזעלכע שמחות זיינען א כבוד און א שטאלץ פאר אונזער גאנצער אינטערנעשאנאל יוניאן.

די לאגע ביי די שניידער אין פאריז.

(שלום פון זייט 1).

מיט דריי יאהר זיינען אין פאריז געווען ביי די שניידער 13,000 צאהלענדע מיט־גלידער. איך קאן אייך פארזיכערען אז עס איז יעצט קיין פערטעל ניט געבליבען. דאס איז דער ערשטער רעזולטאט פון דער נייער טאקטיק וואס איז רעקאמענדירט פון א לאנד, וואס איהר קאנט גוט. און דאס איז ניט נאר אזוי ביי אונז, שניי־דער. אין אנדערע פאכען איז נאך ערגער.

ווי איהר זעהט, איז ביי אונז ניט פרעהלאך, מיר קייקלען זיך אלץ נאך בארג אראפ. ווען מען וועט זיך אפשטעלען, ווען עס וועט זיך אנהויבען די געזונטע רעאקציע פונ'ם ארבייטער קלאס געגען זיינע ווירקליכע פאררעטער און געגען זיינע נאטירליכע שונאים — די באלעבא־טים, איז שווער צו זאגען. די קליינע היי־פעלע באוואוסטזיניגע ארבייטער, וועלכע האבען פריהער פארשטאנען אז די זאגע־נאנטע נייע „רעוואלוציאנערע" טאקטיק וועט אונפארמיידליך ברענגען צו א קא־טאסטראפע, וואס אנבאלאנגט דער ארביי־טער באוועגונג אין אייראפא נאך מעהר און נאך שנעלער ווי אין רוסלאנד, ווייל אין רוסלאנד האט נאך קיין ארבייטער באוועגונג ניט עקזיסטירט, — האבען יעצט איינינע מאטיווען מאראליש צופרי־דען צו זיין. די „גרויסע העלדען" אליין אנערקענען אז זיי האבען באנקראטירט. (דערצו קאן מען נאר צוגעבען אז זייער באנקראט האט זיך אנגעפאנגען דעם טאג, ווען זיי האבען די „מאכט" פארכאפט!) נאר דער לעבען איז שווער, די אטמאס־פער איז פארסאמט, מען קאן אין איהר ניט אטעמען!...

אייער, אלעקסאנדער.

ענינים פון אונזער אינטערנעשאנאל אין דער פרעסע

פון א סטעף רעפארטער.

דער ארגאניזאציאנס קאמפיין אין לאקאל 25. — וואס די ארגאניזאציאנס־קאמיטע פון דעם לאקאל האט וועגען דעם צו זאגען. — ווי לאנג וועט געדויערען דער וויסטמאכער סטרייק אין פילאדעלפיע? — די „צייט" מאכט א סאטירישען חשבון.

דער היינטיגער סיזאן איז א שלעכטער פאר די ארבייטער פון אלע צווייגען אין דער לײדיס גארמענט אינדוסטריע. עס איז שלעכט! עס איז אין טרייד ניטא אזוי פיל ארבייט, ווי עס האט געדארפט זיין אין דער איצטיגער צייט.

און איהר ווייסט דאך, אין א שלעכטען סעזאן, ווען עס איז ניטא גענוג ארבייט, ווערען די באלעבאטים נאך גרעסערע מיוחסים, ווי זיי זיינען עס געוועהנליך. אין א גוטען סיזאן, בעת די ארבייט „ברענט" אין שאפ, זיינען די באסעס גוט און פיין, זיי ווערען דעמאלט ווייך, כאטש צו א געשוויר צוצולייגען... דעמאלט טשעפען זיי זיך ניט צו די ארבייטער, און אפילו די יוניאן איז שוין דעמאלט אויך גוט. מען זוכט ניט זיך צו זאטשעפען נים מיט די ארבייטער, ניט מיט דער יוניאן.

נאר אנדערש אבער איז עס, ווען דער הענט־ניט געוואשענער איז זיך מרחם און שיקט אונטער די באלעבאטים א שלעכטען סיזאן! זיי ווערען דעמאלט גאר אנדערע מענשען. זיי לעבען פשוט אויף! יעדער באס בלאזט זיך אן ווי א אינדיק, און טשעפעט זיך כסדר צו זיינע ארבייטער, צו עס איז דא פארוואס, צו ניט.

און אין אזעלכע צייטען דערפילען די ארבייטער מער ווי אלע מאל, ווי נויטיג עס איז צו האבען א יוניאן, און א שטארקע יוניאן. דער פועל יוצא דערפון איז, דאס די ארבייטער דערפילען די נויטיגקייט זייער יוניאן צו פארשטארקערען, אום בעסער צו קאנען ווידערשטעהן דעם אנגריף פון די אנגעבלאזענע באלעבאטים.

מיט גרויס ענערגיע ווערט איצט די ארבייט געטאן אין די רייהען פון אונזערע ניו יארקער וויסט און דרעסמאכער. אויף דער ערשטער זייט פון די „גערעכטיגקייט" האבען מיר, אין די לעצטע פאר נומערן, שוין אנגעוויזען, וואס דער דזש. באארד פון דער וויסט און דרעסמאכער יוניאן טוט דעם פאך בעסער צו ארגאניזירען. דא ווילען מיר איבערגעבען דעם אינהאלט פון אן אויפרוף צו די וויסטמאכער פון לאקאל 25, וואס איז ניט לאנג צוריק פארעפענטליכט געווען אין דער טעגליכער ארבייטער־פרעס פון ניו יארק. דער אויפרוף איז געווען פארעפענטליכט אין נאמען פון די „ארגאניזאציאנס־קאמיטע פון לאקאל 25."

אין דעם אויפרוף ווערט געזאגט:

„זינט אונזער איצטיגער עקזעקוטיוו באארד איז אריין אין אמט, האבען זיי אנגעווענדעט זייער גאנצע אויפמערקזאמקייט אויף אויסצוארבייטען פלענער ווי אזוי דורכצופיהרען א גרינדליכע ארגאניזירונג פון אלע ארבייטער אין אונזער אינדוסטריע. כאטש אונזער יוניאן קאנטראלירט כמעט די גאנצע אינדוסטריע, פונדעסטוועגען זיינען נאך דא פיל אונארגאניזירטע שעפער, אין וועלכע עס זיינען איינגעפיהרט ניט קיין יוניאן באדינגונגען. דיזע שעפער זיינען שעדליך פאר אונזער אינדוסטריע, אויף אזוי פיל, אויף וויפיל זיי גראבען אונטער די ארבייטס־באדינגונגען וואס זיינען איינגעפיהרט אין אונזערע יוניאן שעפער. דעריבער, אויב מיר ווילען אנהאלטען אונזערע ערווארבענע באדינגונגען, מוזען מיר טאן אלץ אין אונזער קראפט, אז דיזע שעפער זאלען ווערען ארגאניזירט.

פאר וואס זיינען די באדינגונגען אין אונזער פאך אזוי שלעכט? ווייל אונזער מיטגלידערשאפט איז ניט גענוג אקטיוו און דארום ווערען געמאכט פארזוכען צו רעדוצירען אונזערע ארבייטס־באדינגונגען.

ווילען מיר דאס ערלויבען? עס בלייבט פאר אונז צו באשליסען, צי זאלען מיר זיך אונטערווארפען אונטער די באדינגונגען, וואס די באסעס באטען אונז אן, אדער צו פארטיידיגען די באדינגונגען, וועלכע מיר האבען ערווארבען דורך פילע יאהרען פון שווערען קאמף.

עס איז דא א מיטעל: אונזער יוניאן איז די איינציגע וואפע, וואס מיר האבען, מיט וועלכער מיר קאנען באקעמפען אונזערע שונאים. עס איז דער איינציגער אינסטרומענט, וועלכער באשיצט אונז און פארבעסערט אונזער לאגע. אויב מיר אינטערעסירען זיך ניט מיט אונזער ארגאניזאציע, אויב מיר פארנאכלעסיגען איהר, זיינען די באלעבאטים צופרידען. זיי געווינען — פארלירען.

מיר מוזען זיך מעהר אינטערעסירען מיט דער טעטיגקייט פון אונזער יוניאן. אויב מיר פארלירען די יוניאן, פארלירען מיר אלץ. לאמיר איהר פארשטארקען דורך ווערען אקטיוו. מיר האבען טייער באצאהלט פאר אונזער יוניאן. פאר וואס זאלען מיר אוועקווארפען דאס, וואס האט אונז געקאסט אזוי פיל ארבייט און קרבנות?

איצט איז די צייט צו טאן ארבייט! די באסעס ווילען אונז פארשקלאפען מיט דעם וואס זיי שטעלען געגען אונז ארויס די אונארגאניזירטע ארבייטער. זיי צאהלען א הונגער־לוין צו דיזע ארבייטער כדי מיר זאלען זיין געצוואונגען אויך אנצונעהמען אזא הונגער־לוין. דאס איז אן אויפפאדערונג וואס מיר מוזען גלייך ענטפערען. מיר מוזען ארגאניזירען אלע אונארגאניזירטע שעפער און זעהען, אז זיי זאלען אנגעפיהרט ווערען אונטער יוניאן באדינגונגען."

די ארבייט פון דעם עקזעקוטיוו באארד פון לאקאל 25 אין דער ריכטונג איז געווים לויבענסווערט. זאל די דאזיגע ארבייט פארטגעזעצט ווערען, ביז דער טרייד וועט זיין פולע 100 פראצענט ארגאניזירט. דעמאלט וועלען די באלעבאטים פון די וויסט שעפער גאר אנדערש זיך רעכענען מיט „זייערע" ארבייטער, וועלכע זיינען זייערע נאר אזוי לאנג ווי דיזע ארבייטער לאזען זיך אויסבויטען אהן א גרענעץ, אהן אן אפהאלט, אזוי פיל, ווי נאר די באלעבאטים ווילט זיך.

* * *

אונטער דער קעפעל: „זאלען די וויסט און דרעס באסעס אויסרעכענען, ווי לאנג דער סטרייק וועט געדויערען", איז ערשינען א שטיקעל סאטירע אין דער פילאדעלפיער אויסגאבע פון „די צייט" פונ'ם 15טען סעפטעמבער. אין דער סאטירע ווערט דערצעהלט, ווי אזוי די וויסט און דרעס מאנופעקטשורערס פון פילאדעלפיא האבען זיך פארגעשטעלט דעם סטרייק, און ווי די זאך זעהט איצט אויס אין דער ווירקליכקייט.

אט לייענט:

„200 זיינען זיי געווען, האבען זיי געפיהלט זיך שטארק, און אז זיבעציג האבען געסעטעלט, איז וויפיל געבליבען? ... דאס דארף מען שוין גערעכענט א באס פון דער אסס'ן צו בארעכענען. זיי זיינען דאך עפעס גאר גוטע בעלי חשבון, די באסעס, האבען זיי דאך אויסגערעכענט פריהער, אז איינס, צוויי, דריי און דער סטרייק וועט זיין פאראיבער, די ארבייטער וועלען קומען צוריק מיט'ן אונטערטעניגען געבעט:

— פאני פימפאק, מיר זיינען דיינע געטרייע קנעכט, נעם אונז, פליעז צוריק צו דער ארבייט: מיר וועלען דיר נייען דיינע ספאדניצעס, דו וועסט מאכען דיינע 120 פראצענט אויף זיי, אדער וויפיל דו וועסט דארטען אליין וועלען און אונז וועסטו צאהלען וויפיל דו וועסט מרוצה ווערען, מיר וועלען מיט דיר וועגען דעם ניט קריגען זיך, ארבייטען וועלען מיר, וויפיל דו וועסט הייסען און וועגען דער יוניאן וועלען מיר מעהר ניט דערמאנען אפילו. זאלען זיי געהן צום טייפעל, די יוניאן...

אזוי האט זיך די באסעס גע'חלום'ט וועט זיין, אזוי האבען זיי גערעכענט, די קלוגע בעלי חשבון. און גרינגדע האבען זיי אויך געהאט:

— וואסער משוגענער וועט עס געהן סטרייקען יעצט, אין אזא צייט, ווען מענשען זיינען גרייט צו בעטלען פאר'ן טרוקענעם שטיקעל ברויט? וועמען וועט עס איינפאלען שטעלען זיך פאר דער יוניאן? די איינציגע פעלכעל איז דאך טייערער, האבען די באסעס געמאסטען די ארבייטער אויף דעם איינציגען יארד־שטיק...

אבער אזעלכע פאליטיקער און בעלי חשבון, ווי די וויסט און דרעסמאנופעקטשורערס זיינען, דאך האבען זיי א טעות געהאט. פראסט און פשוט ווי א בלינדער פערד אין גרוב אריינגעפאלען.

עס האט זיך ארויסגעצייגט, אז ביי די ארבייטער שפילט אמאל דער פרינציפ א גרעסערע ראליע ווי דער דאלאר, און ווער רעדט נאך, אז דא איז ניט נאר א פראגע פון טרוקענעם פרינציפ אליין, נאר אלע פריהערדיגע געוויסען פון דעם ארבייטער שטעהט אין קאן? האבען טאקע די ארבייטער געצייגט, וואס זיי קאנען.

די שעפער זיינען פוסט, קיין סטרייק־ברעכער זיינען ניטא, חוץ עטליכע שווארצע מיידלאך, וואס די באסעס האלטען מעהר צו שרעקען די גענג, איידער צו ארבייטען, און פיקעטען פוילט מען זיך ניט, ניט קוקענדיג אויף די בויאנעס, וואס די פיקעטס דארפען אויסשטעהן. און דא איז נאך אן אומגליק צוגעקומען: די קלאוק און סקוירט מייקערס. זיי העלפען טאקע ארוים גאנץ פיל און ניט אזוי זיך, טאקע מיט לייב און לעבען, מיט פיקעטען די שעפער, — דאס איז ניט נאר נאר מאראלע הילף. דאס איז ווי עס שטעהט געשריבען:

— „דיירעקט עקשאן!"

און דערווייל האט די אסס'ן אליין אויף אנגעפאנגען זינגען ניט אין טאקט — טאקע: „קטא וו'ליעס, קטא פא דראוווא"—90 באסעס האבען געסעטעלט, נאר א בכבוד'יגע צאהל פון די 90 באלאנגען צו דער אסס'ן און זאל זיך דער, וואס אין הימעל, מרחם זיין, — עס וועט נאך קומען א צייט, אז די אסס'ן וועט זיך מוזען איבערצייגען, אז די שפיל איז פאר'ן טייוועל.

יעצט ווען אין טרייד איז „סלאו" פוילען זיך ניט די חברה צוזאווארפען דער אסס'ן די 2500 באנדס, וואס זיי האבען איינגעלעגט פאר'ן סטרייק און סעטלען מיט דער יוניאן, הייסט ווי וועט זיין, ווען דער סעזאן וועט זיך אנפאנגען און עס וועט שמעקען מיט פארלירען ארדערס אויב מען וועט אנהאלטען דעם סטרייק? זעלבסטפארשטענדליך, אז ווען עס וועט שטעהן די פראגע: אדער פארלירען די ארדערס, אדער נאכגעבען דעם סטרייק, וועלען די באסעס בעסער נאכגעבען דעם סטרייק, נאך אלעמען איז דאך א באס קיין באס ניט, ווען דער פרינציפ וועט ביי איהם שטעהן העכער פון דעם דאלאר, הייסט ווער רעדט נאך, ווען ביי די באסעס איז דא גאר ניט קיין פראגע פון פרינציפ און עס הנדעלט זיך דורכאוים פון דאלארס.

וועט מען צוברעכען די יוניאן, וועט זיין „אפען שאפ", וועט מען קאנען צאהלען ווי מען וועט וועלען און ווי אזוי מ'וועט וועלען, אבער ווען ניט, וועט די יוניאן קאנען זאגען איהר מיינונג וועגען די פרייזען, די שטונדען, די באציהונגען צו די ארבייטער און אזוי ווייטער.

נו, ווער וועט זיך אונטערנעמען אויסרעכענען ווי לאנג דער סטרייק וועט געדויערען? זאלען אויך דאס רעכענען די בעלי חשבון, די באסעס — עס ווענדעט זיך אן זיי, ווי לאנג זיי וועלען זיין איינגעשפארט. וואס אנבאלאנגט די ארבייטער, האבען זיי שוין זייער ווארט געזאגט:

— צוריק אין די שעפער, ווען דער סטרייק וועט זיין געוואונען..."

באריכט פון לאקאל 76, פילאדעלפיא

ווערטער רעדאקטאר: —

א מיטינג פון דער קאסטיום דרעסמאכערס יוניאן, לאקאל 76 איז אפגעהאלטען געווארען סעפטעמבער 27 אין 1702 ארטש סטריט, אויף וועלכען מיס פעני קאהן, די וויצע־פרעזידענטין פון דער אינטערנעשאנאל, איז אנוועזענד געווען.

א קאמיטע איז ערוועהלט געווארען צו ערשיינען פאר דעם דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד מיטינג, וועלכער איז דאס מאל פארגעקומען אין פילאדעלפיא.

די קאמיטע, באשטעהענד פון מיסס אניטא לעווים און מיס ארעלא גאלדענבערג, האט געהאט די אויפגאבע צו שילדערען פאר דער באארד די לאגע פון דעם טרייד, און פארלאנגען הילף פון דער אינטערנעשאנאל צו ארגאניזירען דעם גאנצען טרייד.

פרעזידענט ב. שלעזינגער האט פארשפראכען אז דער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד וועט אויפנעמען דעם פארלאנג פון אונזער לאקאל, און דאס די אינטערנעשאנאל וועט אונז העלפען אין דער ארבייט, צו העלפען ארגאניזירען דעם טרייד.

מיט טרייד־יוניאן גרוס,
אדעלע גאלדענבערג,
סעקרעטאר.

רעזאלוציע פון לאקאל 1

מיר, די קלאוק אפערייטארס, מעמבערס פון לאקאל 1, פארזאמעלט אין קופער יוניאן צו א דזשענעראל מעמבער מיטינג, שבת דעם 4טען סעפטעמבער, 1921, נעהמען אן די פאלגענדע רעזאלוציאן:

נעהמענדיג אין אנבאטראכט דאס דער „מעמאראנדום", וועלכער איז געשאפען געווארען אום אויפצוהאלטען די פרידליכע באציהונגען צווישען דער יוניאן און דער אסאסיאיישאן, און

נעהמענדיג אין אנבאטראכט, אז דער „מעמאראנדום" ווי ער איז דאן פארשטאנען געווארען האט דער יוניאן געגעבען א געוויסען זיג איבער אונזערע באסעס, א פאקט דאס איבער דעם דאזיגען זיג איז גערעדט און געשריבען געווארען אין דער גאנצער פרעסע, און

נעהמענדיג אין אנבאטראכט, אז אזוי ווי מיר זיינען נאכגעקומען דאס ערשטע מאהל אין פאקטישער באריהרונג מיט דיזען „מעמאראנדום" און ווי אזוי ער ווערט יעצט אויסגעטייטשט שטעלט אין געפאהר אלעס וואס מיר האבען דורך שווערע און בלוטיגע קעמפע געוואונען, און אויך ווערט אינדירעקט געגעבען דאס רעכט פון דיסטשארדזש צו די באלעבאטים און שטעלט אויך אין געפאהר אונזער מינימום סקייל.

זיי עס דעריבער באשלאסען, ערשטענס, צו אינדארסירען די שטעלונג פון דער עקזעקוטיוו באארד פון לאקאל 1, אז דער „מעמאראנדום" זאל צוריקגעוויזען ווערען.

און זיי עס ווייטער באשלאסען איבערצעעבען די ווייטערע האנדלונג און שטעלונג אין דער פראגע פון „מעמאראנדום" צו דער עקזעקוטיוו באארד, האפענדיג דעם פולען צוטרוי צו איהר און וויסענדיג דאס זי איז אימשטאנד אונז עהרענהאפט צו פארטרעטען.

אויך פארלאנגען מיר דאס די דזש. באארד זאל וועגען דיזער פראגע נעמען א שטאנדהאפטיגע שטעלונג.

באדאנקט זיין יוניאן פאר ברידערליכער הילף.

ווערטער רעדאקטאר פון די „גערעכטיגקייט"!

ערלויבט מיר א שטיקעל פלאץ, אויסצודריקען מיין הערצליכען דאנק צו די רייגקאוט מאכער פון לאקאל 7, ספּעציעל צו דער עקזעקוטיוו באארד און דעם מענעדזשער פרעד מאנאסאן, פאר זייער מיה און פינאנציעלע הילף, אין דער צייט פון מיין קראנקהייט. לאקאל 7 קאן שטאלץ זיין, דאס ניט נאר העלפט ער זיינע מעמבערס צו קריגען א גרעסערען שטיקעל ברויט, ווען זיי זיינען געזונט, נאר אויך ווען דער באס האט שוין די לעצטע ביסעל כוחות פון דעם ארבייטער ארויסגעזויגען, און ער בלייבט ליגען ביים מאשין, העלפט איהם די יוניאן וויפיל זי קען, צוריק זיינע כוחות קריגען, ער זאל קענען ערנעהרען זיין פאמיליע און ניט דארפען אנקומען צו קהל'שע אנשטאלטען, און אויך קענען פארטזעצען ווייטער דעם קאמף פאר א בעסערען לעבען.

איך געפין זיך יעצט אויף א זומער־פלאץ זיך צו ערהאלען פון מיין קראנקהייט. איך האף באלד צו זיין פאלקאם געזונט און ווידער זיין אקטיוו אין אונזער יוניאן, ווי איך בין געווען ביז איצט.

האפענטליך דאס איהר וועט דיזען בריף דרוקען, דאנק איך אייך אין פאראוים,

מיט אכטונג
דזשוליוס קאהען.
מעמבער רייגקאוט מאכער יוניאן, לאקאל 7, באסטאן.

טשערליים פון די קלאוק, סקוירט און ריפער שעפער.

איהר זייט אויפגעפאדערט ניט צו לאזען קיינעם זיך זעצען ארבייטען אהן א וואירקינג קארד.

די טשערליים פון די שעפער ווערען געבעטען ארויפצונעמען ארבייטער וואס האבען נאך ניט קיין פלאץ וואו צו ארבייטען. לאזט וויסען אין אפיס פון דער יוניאן, אויב אין איינער שאפ דארף מען האבען נאך ארבייטער.

דזשוינט באארד קלאוק, סקוירט און ריפער מאכער יוניאן.

י. פיינבערג, דזש. מענעדזשער.

לאקאל 60 - זיין אויפטו פאר די לעצטע זעקס מאנאטען

פון י. וואסילעווסקי.

(שלוס)

וואס אנבאלאנגט די אלגעמיינע טעטיגקייט פון דער עקזעקוטיוו באָרד אלס א גאנצע, האט זי אירע אויפגאבען דורכגעפירט פינקטליך און העכסט ענערגיש. און זי האט זיך באצויגען צו יעדער פראגע מיט דעם פולסטען ערנסט און איז געווען זעהר ארגאניזאציאנס מעסיג. איבערהויפט האט זיך די עקזעקוטיוו באָרד אפגעשטעלט אויף דעם פונקט פון פארזיכערען דעם פינאנציעלען באָדען פון אונזער ארגאניזאציאן. און נאך א גרינדליכע בעראטונג האט די באָרד באשלאסען ארויפצולייגען אויף דער אלגעמיינער מעמבערשיפ א טעקס פון 10 דאלאר, אום דערמיט צו שאפען א פאנד וואס זאל פארזיכערען די עקזיסטענץ פון אונזער לאקאל. דיזער באשלוס איז אויך גוטגעהייסען געוואָרען פון אונזער אלגעמיינע מיטגלידערשאפט, נאך דעם ווי עס איז אפגעהאלטען געוואָרען א ספעציעלע פארזאמלונג פאר דיזען צוועק.

אונזער מעמבערשיפ

לויט דעם צענזוס וועלכען דער אינטערנעשאנאל רעקארד דעפארטמענט האט גענומען האט אונזער לאקאל געדארפט האבען ביז יעצט 1179 רעדזשיסטרירטע און נייע מיטגלידער. אונזערע רעקארדס צייגען אבער אז מיר האבען בלויז 1148 מיטגלידער. דאס הייסט, מיט 39 וויניגער פון דער צאל וואס זיינען בארעכטיגט זיך צו רעדזשיסטרירען. א חוץ דעם געפינען זיך אלטע רעקארדס אין לאקאל 25 פון מיטגלידער וועלכע זיינען שולדיג אריבער 39 וואכען דיוס, און וועלכע קענען זיך צוליב דעם ניט רעדזשיסטרירען. די צאל פון אזעלכע מיטגלידער איז 442, וועלכעס צוזאמען מיט די 31 וואס זיינען בארעכטיגט זיך צו רעדזשיסטרירען, מאכט עס א טאטאל פון 473 ניט רעדזשיסטרירטע פרעסערס. דיזע פרעסערס מוזען זיך געפינען אין שעפער וועלכע ווערען פארלויפיג ניט קאנטראלירט פון דער יוניאן. מיט דער צייט אבער וועלען מיר ווארשיינליך קומען מיט זיי אין בארירונג און מיר וועלען נאטירליך אנווענדען אלע קרעפטען אויך זיי אריינצובריינגען אין דער יוניאן.

אונזערע פינאנצען

זינט אונזער לאקאל איז געגרינדעט געוואָרען ביז דעם ערשטען אויגוסט האט אונזער טאטאל איינגאמע באטראָפען די סומע פון 13,545.80 דאל. די אויסגאבען פאר דער זעלבער פעריאָדע באטרעפען 12,304.77. באלאנס אין דער טרעזשורי 1,241.03 דאל.

ווענען איינצעלהייטען אין באצוג צו די איינגאמען און אויסגאבען איז דא א ספעציעלער פינאנץ באריכט פון דעם דזשענעראל אוידיטאר פון דער אינטערנעשאנאל.

איך וויל דא באמערקען אז צוליב דער שלעכטער צייט און גרויסער ארבייטסלאזיגקייט איז כמעט אונזער גאנצע מעמבערשיפ הינטערשטעליג, אזוי אז די דיוס אליין באטרעפען דורכשניטליך ארום 16 סטעמפס פער מעמבער. דאס, ווי איר פארשטייט, טרעפט אן א גרויסע סומע געלד, מיט וועלכע אונזער קאסע וואלט געקענט ניט'קשה'דיג אנגעפילט ווערען ווען די צייט וואלט געווען עטוואס בעסער. איך בין אבער זיכער אז אזוי שנעל ווי עס וועט זיך אנפאנגען די ארבייט. וועלען די מיטגלידער אפצאלען ביי דער ערשטער געלעגענהייט אלע זייערע שולדען.

אונזערע באציהונגען צו לאקאל 35

ווי אייך איז באוואוסט, איז אונזער טשארטער באוויליגט געוואָרען אלס א צייטווייליגער ביז דער נעקסטער קאנווענשאן, וועלכע וועט דארפען באשטימען צו אונזער לאקאל זאל בלייבען אפהענגיג פערמאנענט אדער ניט. דערביי האט אויך דער דזשענעראל עקזעקוטיוו באָארד מיט אונז אויסגענומען פאלגענדע תנאים:

ערשטענס, אז אונזערע מיטגלידער, אזוי גוט ווי די מיטגלידער פון לאקאל 35, זאלען זיין בארעכטיגט צו ארבייטען אין יעדען דרעס שאפ ניט אכטענדיג דארויף פון וועלכער דזשאינט באָרד דיזע שעפער ווערען קאנטראלירט; אויך אז אין פארלויף פון דיזע צייט זאל קיין לאקאל נים האבען א רעכט צו צווינגען א מיטגליד פון א צווייטען לאקאל זיך צו טראנספערירען.

צווייטענס, ביז דער נעקסטער קאנווענשאן זאל געגרינדעט ווערען א געמיינשאפטליכע גריוועגס קאמיטע באשטייענד פון א גלייכער צאל פארטרעטער פון ביידע לאקאלען, 35 און 60, מיט א מיטגליד פון דער דזשענעראל עקזעקוטיוו באָארד אלס דער אומפארטייאישער טשערמאן. דיזע קאמיטע זאל האבען די פולע רעכט צו שליכטען אירגענד וועלכע צוויסטיגקייט וואס קאן ווען עס איז פארקומען צווישען ביידע לאקאלען זעלבסט אדער געגען מיטגלידער פון איין לאקאל געגען מיטגלידער פון א צווייטען לאקאל.

דיזע קאמיטע איז ערשט ניט לאנג צוריק צוזאמענגעשטעלט געוואָרען און האט אפגעהאלטען איר ערשטע זיצונג לעצטע וואך. עס איז צו האפען אז מיט דער גרינדונג פון דיזער קאמיטע וועלען, פון יעצט אן און ווייטער, א סך צוויסטיגקייטען אויסגעגליכען ווערען אויף א מער צופרידענשטעלענדען אופן.

רעקאמענדאציעס

צום שלוס וויל איך פארלייגען פאלגענדע רעקאמענדאציעס, און איך האף אז איר וועט דאס זעלבע ערנסט באטראכטען.

ערשטענס, צוליב דעם יעצטיגען צושטאנד פון אונזער טרייד קומען אריין זעהר פיל קאמפליינטס פון פרעסערס, הויפטזעכליך דיספיוטס ווענען סעטלען פרייזען, צו וועלכע עס פאדערט זיך א געניטער פאכמאן, וועלכער זאל פארשטעהן ווי אזוי צו שליכטען דיזע קאמפליינטס אויף א צופרידענשטעלענדען אופן.

לויט דער קוואטא וועלכע מיר צאלען צו דער דזשאינט באָרד, זיינען מיר בלויז בארעכטיגט צו איין ביזנעס אייגדזשענט, און אויך דיזער ביזנעס אייגדזשענט, אזוי גוט ווי אלע אנדערע ביזנעס אייגדזשענטס פון דער דזשאינט באָרד, האט א באשטימטען דיסטריקט, אין וועלכען ער מוז אטענדען אלע קאמפליינטס וואס קומען אריין פון יענע שעפער, פון אלע מיטגלידער וועלכע ווערען דארטען באשעפטיגט. פאלגליך קען ער זיך ניט אפגעבען מיט ספעציעלע פרעסערס קאמפליינטס. צוליב דעם איז נויטיג, ווי איך האב באמערקט אין דער ערשטער אפטיילונג פון מיין באריכט, אז איך אליין זאל זיך אפגעבען מיט אטענדען קאמפליינטס. וואס דאס מאכט אוממעגליך פאר מיר זיך אפצוגעבען גרינדליך מיט דער טייל פון דער אפיס פארוואלטונג וועלכע פאדערט מיין פערזענליכע אויפמערקזאמקייט.

איך רעקאמענדיר דארום, אז מיר זאלען פארלאנגען פון דער דזשאינט באָרד, אז זי זאל אנשטעלען צייטווייליג א ספעציעלען ביזנעס אייגדזשענט, וועלכער זאל זיך אפגעבען אויסשליסליך מיט די פרעסערס קאמפליינטס. מיט די אויסגאבען וואס דאס וועט פאראורזאכען זאל אונזער לאקאל זיך פארגלייכען מיט דער דזשאינט באָרד אויף אזא אופן אז מיר זאלען טראגען בלויז א טייל פון דעם לאסט לויט אונזערע אומשטענדען נאך.

דאס וועט מיר געבען די מעגליכקייט זיך מער אפצוגעבען מיט דעם אפיס פארוואלטונג.

צווייטענס, לויט אייער באשלוס איז אנגעפירט געוואָרען אין אונזערע שעפער אן אונטערזוכונג ווענען:

א) וויפיל עס ווערען באשעפטיגט אין דעם-טרייד מענער און פרויען פרעסערס.

ב) וויפיל פון די פרעסערס זיינען מעמבערס פון אנדערע לאקאלען.

ג) וואס זיינען די דורכשניטליכע פרייזען וואס ווערען געצאלט פאר פרעסען.

ד) אנדערע איינצעלהייטען וועלכע זיינען נוגע דעם פרעסען.

ביזנעס אייגדזשענטס פון די פארשידענע דעפארטמענטס האבען געדארפט טאן דיזע ארבייט. אבער פאר די לעצטע פאר מאנאטען איז דיזע ארבייט נעמאן געוואָרען אויף אזא קליינעם מאסשטאב אז אויב דאס זאל אויף ווייטער אויך אזוי אנגעהן, וועלען מיר ניט האבען קיין באשטימטע רעזולטאטען, פאר א גאנץ לאנגע צייט. נעמענדיג אין אנבאטראכט אז עס איז פאר אונז פון העכסטער וויכטיגקייט דיזע אינפארמאציאן ווי אם שנעלסטען צו קריגען, רעקאמענדיר איך דארום אז:

אין אנפאנג סעפטעמבער, ווען מען ערווארטעט אז עס זאל ווערען ביזי אין פאך, זאלען צוויי מענשען אנגעשטעלט ווערען צייטווייליג פאר דיזע ספעציעלע אויפגאבע אויף דעם באדינג אז זיי זאלען דיזע אונטערזוכונג פארענדיגען ווי אם שנעלסטען אום מיר זאלען גלייך קאנען צו טרעטען צו קאנסטרוקטיווע ארבייט.

דריטענס, דער סעקרעטערי-טרעזשורער זאל באשטימט ווערען אלס דער סעקרעטערי פון אלע סטענדינג קאמיטעס כדי ער זאל ביי זיך האבען צו יעדער צייט א פאלשטענדיגען רעקארד פון אלע פון דיזע קאמיטעס. אויף אזא אופן וועט ער זיין אימשטאנד אלעס דורכצופירען פינקטליך און צו דער צייט.

פערטענס, עס זאל גערופען ווערען וואס אם שנעלסטען אן אלגעמיינער מעמבערס מיטינג, אויף וועלכען עס זאל אויפגענומען ווערען צו פארהאנדלען דער פונקט ווענען איינפירען דעם „סיק און רעליף פאנד". די עקזעקוטיוו באָרד זאל דערביי אויפפאסען אז קיין אנדער פראגע זאל דיזען מאל ניט אויפגענומען ווערען.

מיט פריינדליכען גרוס,

י. וואסילעווסקי,

מענעדזשער-סעקרעטערי.

קוויטירונגען פון די קלאוק שעפער פאר דעם האלבען טאג ארבייט פאר סאוועט-רוסלאנד

(ווייטערע קוויטירונגען).

מאַירים באנדלער גארמענט צענטער, דורך ח. בארענשטיין, טשערמאן:

דזש. באטאני	3.70
מ. וויענער	5.35
ד. ליטמאן	4.35
לואיס סיראווסקי	5.18
נ. ליטמאן	3.60
ד. שווארץ	4.44
מ. מעהלמאן	3.88
מ. פלעיש	4.44
ח. פוירנשין	4.00
א. ראזענפעלד	4.52
לואיס עדיכאן	4.36
דזש. בארא	4.00
סאטמאר	5.25
וואלאוויק	5.00
הארי באנטש	4.44
מ. וועיקעלסאן	5.36
פ. וואגנער	4.18
ס. סעידעל	4.00
ט. אמסטער	3.50
דזש. גרינבערג	6.00
מ. לערנער	5.00
ח. שוועיטצער	3.80
טשארלס פאסט	5.09
לואיס באלער	5.91
שנעידער	3.88
מאקס לערנער	4.73
ס. סטעין	5.18
מ. לאנגעס	3.27
פאנסקי	4.09
שאטענפעלד	3.88
ליוויי	4.09
מישמאן	4.55
מ. גלאסס	4.44
סעם ראזען	5.44
קארמען	4.40
וועיסס	4.50
ד. וויסאקי	6.80
הארי פאסט	4.36
אלטער בארנשטיין	5.36
גארפינקעל	4.32
לאיסט	3.92
מ. סאממער	4.52
ל. פעלד	3.92
דזש. נאדל	4.00
טריבער	4.00
טש. סטיינבערג	3.92
דזש. שאפירא	4.32
דזש. ליבט	4.32
ח. קאהן	4.08
בראגיא זשארנבילי	3.88
טורי פריסאמקא	3.88
זשאזעף ריראני	4.00
דזש. ווילעלא	4.50
לואיס זשעלאגי	5.00
מארי קאריסא	5.52
דזשים סארענטא	5.05
פארקוויל סומאנא	4.00
ווילעללא	5.00
אנטאני דעלווערענטא	4.24
טשארלס לעווערפראני	5.50
ראמאנקניאטי פראנק	4.91
ח. בינענפעלד	4.52
אידא פרועל	4.15
זשעסי בערהאד	4.00
אננא גאלדשטיין	3.82
פליאקילא גוקרא	4.10
מאריא באנאנא	3.70
פערעסא פעררא	4.15
סיידי שאפירא	4.10
קאסטראנגא ארעזינא	4.10
קאטערינא בענפאמא	4.00
בילי מאריא	4.00
רעגינא גוארין	4.15
אננא דעססאר	4.00
באסי רעסאס	4.36
אידא באקסט	4.72
ג. האלפקרין	4.00
זשעני זעסראלדי	5.00
איקאמעטי ווילהעים	3.50
מיני יאטטאס	3.00
ח. שאנקרא	3.95
א. די גיווראן	3.65
ח. רורעל	4.00
געדא ווערזא	4.00
פעני קארוסא	3.95
יעטי לאזאראוויטץ	4.00
ח. בלום	4.00
קראווטלער	5.00
דזש. וועטריא	5.00
ט. מאנפרעדא	3.60
אנטאני ביאמיצי	5.00
פעני גאליגאווי	4.00
זיבזעלא עליא	4.00
הארי ערקאלא	5.36
קאהן	4.25
פעינבערג	4.25
סאלאמאן	4.25
וואטערסאן	4.25
באסס	4.25
	383.00

פלאטקין בראס., 143 וו. 28טע סט., דורך ב. שאענפעלד, טשערמאן:

ק. גודמאן	5.90
ק. ניומאן	5.45
ה. פאלאק	5.45
י. בעהלין	5.45
דזש. רעיזיער	5.00
ס. קושנער	5.45
ב. שאענפעלד	5.45
דזש. שאטצקי	5.90
דזש. קאסטעלעטא	1.86
ר. קאסטעלעטע	1.86
דזש. ביקאזיא	1.86
ק. באגליערי	1.86
ד. קאזיא	1.86
דזש. גאראפאלא	1.86
ג. ראטשקאווסקי	4.54
ק. קאוועל	4.54
וו. גרעקאלא	5.45
ד. ליוויי	4.54
פירם	5.72
	80.00

גינזבערג און לעסער, 149 וו. 24טע סטריט, דורך מאריס דאבין, טשערמאן:

מ. דאבין	7.00
א. גאלדין	7.00
ט. גאלדין	7.00
שניידער	4.00
פאלישוק	4.00
פישמאן	4.00
פאנאקא	3.00
קעדי	4.00
אמיר	4.00
רעזש	4.00
ט. קאלמיר	5.00
ס. ווייסמאן	3.00
לענא מאריסאן	5.00
טסאליק	5.00
סעם עיבען	7.00
	73.00

(ווייטערע קוויטירונגען קומט.)

ניט קענען שלאפען
קומט פיעל מאל פון א שלעכטען מאגען.
עקס-לאקס
דער טשאקאלאד אבפיהר מיטעל
וועט רעגולירען אייער מאגען און וועט אייך געבען א זאנפטען שלאף ביינאכט.
10, 25 און 50 סענט א באקס, אין אלע דראג סטארס.

מיט דעם דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד פון דער אינטער-נײשאנאל אויף זיין פערטעל-יעהרליכען מיטינג אין פילאדעלפיע

פון ש. יאנאווסקי.

לאמיר דא גלייך ערקלערען, אז קיין פעסטער באשלוס איבער דער פאליסי פון דער אינטערנײשאנאל אין באצוג צו דער גרויסער פראבלעם, וואס וועט שטעהן פאר דער אינטערנײשאנאל דעם קומענדען נאוועמבער, איז ניט אנגענומען געווארען. די אינטערנײשאנאל ווייס נאך ניט באשטימט, וועלכע פלענער די פארשיידענע מאנופעקטשורער אסאסיאיישאנס פון אונזערע פארשיידענע אינדוסטריען האבען אין זינען פארצושלאגען דער אינטערנײשאנאל. און מען קאן דאך ניט ריידען וועגען א באשטימטען קאמף-פלאן, ווען מען ווייס נאך ניט נעגען וואס מען וועט מוזען קעמפען. אמת, מען קאן זיך משער זיין, אז אונזערע קלאוק מאנופעקטשורער וועלען ווידער מאכען א פרווו צו שטעלען זייערע אלטע פאדערונגען, שטיצענדיג זיך אויף דעם, דאס דער פארגעשלאגענער און אנגענומענער פלאן פון דער אינטערנײשאנאל זאל בלומרשט ניט האבען געבראכט די געווינשטע רעזולטאטען אין פראדוקטיוויטעט. דאן, נאטירליך, וועט ניט בלייבען קיין אנדער אויסוועג פאר דער אינטערנײשאנאל, ווי א קאמף, מעג ער זיין ווי לאנג און ווי ביטער. ווארים די אינטערנײשאנאל איז איצט, ווי די גאנצע פריהערדיגע צייט, אנטשלאסען ניט אויפצוגעבען קיין איינציגע פון די ו י כ ט י ג ע פאזיציעס, וואס זי האט געוואונען. עס קאן אבער אויך זיין, אז די מאנופעקטשורער וויסען די גאנצע פעסטע שטעלונג פון דער אינטערנײשאנאל אין דעם פרט, און זייערע פאדערונגען וועלען זיין פון א קלענערער וויכטיגקייט, פון א נאטור, איבער וועלכע עס וועט זיך לאזען ריידען. דאן, נאטירליך, וועט די שטעלונג פון דער אינטערנײשאנאל שוין זיין א גאנץ אנדערע. דערפאר, ווען עס איז געקומען צו רייד איבער דער פראגע, איז די אלגעמיינע מיינונג געווען, אז עס איז נאך א ביסעל צו פריה צו פאסען א באשטימטען באשלוס. עס איז נאך דא א מאנאט צייט ביז דער פארלויפיגער אפמאך פון לעצטען דזשון וועט זיין געענדיגט. דאן וועלען זיך אנפאנגען פארהאנדלונגען, ווען אונזערע פארשטעהער וועלען זיכער קאנען אנטאפען דעם דופק ביי די באסעס; את דאן וועט זיין די ריכטיגע צייט פאר א צווייטען, און אפשר גאנץ ספעציעלען מיטינג פונ'ם דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד. דאן וועט מען שוין ניט זיין אין דער פינסטער; די פראגען פאר דעם עקזעקוטיוו באארד וועלען זיין קלאר און גאנץ קאנקרעט. און דאן ערשט וועט קאנען געפאסט ווערען דער ריכטיגער און פעסטער באשלוס.

א חוץ דעם האט דער גרויסער איצטיגער קאמף פון די וועיסט און דרעס מייקערס אין פילאדעלפיע צו שטארק פארנומען די גאנצע אויפמערקזאמקייט פון דעם דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד, אז ער זאל קאנען האבען די נויטיגע צייט און קאנצענטראציע זיך צו פארנעמען מיט דעם, וואס וועט מוזען פארקומען, אפשר, אין צוויי אדער דריי מאנאטען ארום.

דער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד, אהן אן אויסנאם, באטראכט דעם איצטיגען קאמף אין פילאדעלפיע, אלס א פארשפיל פון דער קומענדער דראמע. דער קאמף אין פילאדעלפיע, לויט דער איבערציינונג פונ'ם גאנצען דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד, וועט ביז צו א געוויסען גראד באשטימען די גאנצע ווייטערע טעטיגקייט פון דער אינטערנײשאנאל.

און אין דער אמת'ן איז עס דאך טאקע אזוי. די פילאדעלפיער מאנופעקטשורער זיינען נאר געווען די ערשטע, וואס האבען ארויסגערופען צום קאמף די אינטערנײשאנאל, אבער עס איז קיין צווייפעל ניט, אז זיי האבען די סימפאטיע און דעם גוטען ווילען פון אלע אונזערע אנדערע מאנופעקטשורער; דער שיקזאל, אלזא, פון דעם קאמף אין פילאדעלפיע וועט זיכער, אויב ניט זיין גאנץ באשטימענד, ניט פארפעלען צו האבען א ווירקונג אויף דער אנטוויקלונג פון דער לאגע אין אנדערע שטעדט. דערפאר, קאן מען זאגען, ווערט שוין אין א געוויסען זין דער קומענדער קאמף אויסגעקעמפט אין פילאדעלפיע. און דער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד האט אין אלע זיינע 8 זיצונגען, צווישען פילע אנדערע וויכטיגע פראגען, דאך אויף א מאמענט ניט ארויסגעלאזען פון אויג דעם קאמף אין דער שטאדט, וואו ער האט געהאט זיינע זיצונגען. עס האט זיך געפילט, אזוי ווי דער גענעראל-שטאב פון דער אינטערנײשאנאל וואלט אפגעהאלטען זיינע בעראטונגען אויפ'ן שלאכטפעלד אונטער דעם גאנצען גערויש און טומעל פון דעם גרויסען קאמף.

אין דער ווירקליכקייט איז דער וועיסט סטרייק אין פילאדעלפיע א מערקווירדיגער קאמף, א קאמף, וועלכער וועט זיכער פארשריבען ווערען מיט גאלדענע בוכשטאבען אין דער לעבענס-געשיכטע פון דער אינטערנײשאנאל. דאס אמת גרויסע אין דעם קאמף זיינען די קעמפער אליין. מען האט באדארפט אליין הערען דעם רעפארט פון וויס-פרעזידענט זינגמאן און פון ברודער רייזבערג, דעם מענעדזשער פון לאקאל, וועלכען האבען רעפארטעט וועגען דעם סטרייק, אום צו פילען די גאנצע גרויסקייט פון דעם קאמף, וועלכער ווערט אויסגעפאכטען איצט אין פילאדעלפיע. די מעהרסטע סטרייקער זיינען מיידלאך, און דאך, ווי העלדיש, ווי אומערשראקען און ווי אומערמידליך זיי פירען עס אן זייער קאמף. די פאליציי איז העכסט ברוטאל. די מיידלאך אויף דער פיקעט-ליניע האבען אויסצושטעהן די גרעסטע אכזריות: זיי ווערען געשלאגען ממש מערדעריליך. איינע פון די סטרייקערינס איז אזוי צושלאגען געווארען, אז די דאקטוירים צווייפלען, אויב זיי וועלען קאנען ראטעווען איהר לעבען. און דאך, די מלחמה פון די סטרייקער און סטרייקערינס פאר זייער יוניאן, פאר זייער סאלידאריטעט, פאר זייער ערנהאפטען שטיקעל ברויט, פלאקערט טאג און נאכט אויף דער גאנצער ליניע, אהן אן אויפהער, אהן אן אפשטעל.

אין אנפאנג — האט מיטגעטיילט ברודער רייזבערג — האט מען געפיקעט די שעפער בלויז אין דער פריה און אין אווענט, אבער אז מען האט איינגעזעהן, אז דאס איז ניט גענוג, ווערען איצט די שעפער אין סטרייק באלאגערט פון די פיקעטס פון סאמע פריהמארגען ביז שפעט אין דער נאכט.

געגען אזא פייער וואלטען די פילאדעלפיער מאנופעקטשורער ניט געקאנט לאנג זיך האלטען. זיי וואלטען געמוזט זיך אונטערגעבען. איז אבער די איצטיגע ארבייטסלאזיגקייט קומט זיי גאנץ שטארק צו הילף. דערצו געברויכען זיי דעם שענדליכסטען טערראר געגען די מאנופעקטשורער, וועלכע האבען זיך אפגעריסען פון זיי. אזוי האבען זיי ממש מיט גוואלד געצוואונגען איינעם פון די מאנופעקטשורער, וואס האט שוין זיין קאמף געגען דער יוניאן אויפגעגעבען, און געמאכט מיט איהר אן אגרימענט, ווידער ברעכען מיט דער יוניאן. אבער זיי האבען ניט קיין גליק אויך אין דער טאקטיק. איין מאנופעקטשורער רייסען זיי אפ, קומט אויף זיין פלאץ אן אנדערער, אזוי, דאס ביז ארום טויזענט ארבייטער האבען זיך דאך צוריקגעקערט אויף זייערע פלעצער. אמת, אויך זיי האבען ניט גענוג ארבייט, דאך פון די צעהן פראצענט, פון זייערע ווידזשעס, וואס זיי האבען באשלאסען אוועקצוגעבען פאר די סטרייקער, איז שוין די ערשטע וואך געזאמעלט געווארען 1000 דאלער. נאטירליך וואלט די סומע געווען א פיל גרעסערע, ווען זיי וואלטען געהאט א פולע וואך ארבייט. אבער אויך זיי האבען ניט מעהר ווי א צוויי-דריי טעג ארבייט.

אלזא, האט דער פילאדעלפיער סטרייק פארנומען דעם סאמע אויבען-אן אויף אלע זיצונגען פון דער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד. עס איז ניט געווען פאר איהם די פראגע, ווי צו ברייננגען מעהר מוט, מעהר קאמף-לוסט אין די רייהען פון די סטרייקער. וועגען דעם האט דער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד געהאט ווייניג וואס צו זארגען, נאר די פראגע איז געווען, ווי צו פינאנסירען דעם קאמף.

מיט דער גרעסטער עקאנאמיע פאר די קאורט אויסגאבען, ווייל צום גליק האבען די סטרייקער א לאיער, וועלכער איז אזוי פאראינטערעסירט אין דעם קאמף, ווי די סטרייקער אליין, און זיינע עקספענסעס זיינען די קלענסטע. (דער נאמען פון דעם לאיער איז מיסטער גרעי, איינער פון די זעלטענע אויסנאמען צווישען לאיערס). ווי אויך מיט די קלענסטע סטרייק בענעפיטס (7 דאלער די וואך פאר סינגעל-לייט און 10 דאלער פאר פארהייראטע). דארף דאך דער סטרייק קאסטען יעדע וואך ניט ווייניגער ווי 15 טויזענט דאלער; אבער לויט די סומען, וועלכע אונזערע פארשידענע שוועסטער-יוניאנס האבען באשטימט, האט דער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד נאך ניט איינגעזעהן, ווי אזוי דיזע וויכטיגע סומע וועט וועכענטליך געשאפען ווערען. מען דארף האבען אין זינען, דאס פילע פון אונזערע לאקאלס אין דער קאנטרי זיינען, לויט דעם רעפארט פון דזשענעראל סעקרעטאר אב. באראף ווייט-ווייט פון צו זיין אין א געזונטען פינאנציעלען צושטאנד. די ארבייטסלאזיגקייט האט ניט פארפעלט צו מאכען נאר א שטארקע ווירקונג אויף די טרעזשורים פון די פארשיידענע קלענערע לאקאלס, וועמעס טרעזשורים זיינען אין די בעסטע צייטען ניט געווען אין א גוטען צושטאנד. הענגט, אלזא, אפ דאס פינאנסירען פון דעם קאמף אין פילאדעלפיע פון דער אינטערנײשאנאל און פון די דזשאינט באארדס פון די קלאוקמאכער יוניאנס און פון די וועיסט און דרעס מאכער יוניאנס אין ניו יארק, וועלכע, טראץ אלע אומשטענדען, זיינען שטארק און פעסט. איז אבער גראדע זיי האבען דערווייל נאך ניט געטאן זייער סאמע בעסט. נאטירליך, האט שוין די אינטערנעשאנאל ביז איצט בייגעטראגען 30 טויזענט דאלער צום סטרייק, און זי וועט בייטראגען נאך און נאך, וויפיל עס וועט איהר נאר מעגליך זיין; דאס זעלבע האט אויך געטאן דאס מעגליכסטע אין דער הינזיכט דער דזשאינט באארד פון דער וועיסט און דרעס אינדוסטריע, באשטימענדיג בייצוטראגען דריי טויזענט דאלער יעדע וואך צום סטרייק. אבער, לויט דער מיינונג פון דעם דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד, האט דער דזשאינט באארד פון דער קלאוקמאכער יוניאן דאס מאל ניט געטאן זיין פולע פליכט, ווען ער האט באשלאסען בייצושטייערען די סומע פון צוויי טויזענט דאלער וועכענטליך אזוי לאנג, ווי דער קאמף וועט אנהאלטען. געוויס איז עס אויסער יעדען צווייפעל, אז די נויטיגע סומע וועט געשאפען ווערען, עס איז אויך אויסער יעדען צווייפעל, אז טאקע דער דזשאינט באארד פון די קלאוקמאכער וועט האנדלען אויך דאס מאל אזוי גרויס, ווי ביי יעדע געלעגענהייט, און וועט ניט דערלאזען, אז דער קאמף אין פילאדעלפיע זאל מוזען אויפגעגעבען ווערען צוליב מאנגעל אין דאס סאמע נויטיגסטע. אבער טראץ דער זיכערהייט האט זיך דער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד געפילט א ביסעל ניט אנגענעם צוליב דעם גאנץ קארג-צוגעשניטענעם בייטראג פונ'ם דזשאינט באארד, עטוואס, וואס פאסירט זעלטען אין דער געשיכטע פון דיזער גרויסער קערפערשאפט, וועלכע רופט זיך אפ אזוי גרויסמוטיג אויף אלע קעמפע, אין וועלכע זאגאר זי איז ניט דירעקט פאראינטערעסירט.

נאטירליך, יעדער פארשטעהט, אז דער מאטיוו פון דעם באשלוס פונ'ם דזשאינט באארד פון די קלאוקמאכער יוניאנס איז ניט געווען, חלילה, קיין שלעכטער. אין א פאר מאנאטען ארום וועלען אפשר די קלאוקמאכער אליין שטעהן אין א גרויסען קאמף, ווען יעדער סענט וועט זיין פון דער העכסטער וויכטיגקייט, און זיכער האט דיזער געדאנק ניט דערלאזען דעם דזשאינט באארד צו האבען דאס גרויסע פארגעניגען פון ארויסווייזען זיין געוויינליכע פרייגיביגקייט, אבער דאך דעם דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד, וועלכער זעהט און מוז זעהן ניט בלויז די אדער יענע פון איהרע ארמייען, נאר די גאנצע ארמיי, האט את די האנדלונג געמאכט ביז צו א געוויסען גראד זעהר מיסגעשטימט.

צו דעם איז נאך צוגעקומען אן אנדער אומשטאנד, וועלכער האט אויך ניט שטארק געהאלפען צו דער געהויבענקייט פון דער שטימונג. מיר מיינען דא די פלוצלונג-ארויסגעשוואומענע אישיו וועגען דעם זאגענאנטען מעמאראנדום. און ווען פרעזידענט שלעזינגער האט אין א ליידענשאפטליכע רעדע אויסגעדריקט זיין גאנצען צארן געגען די גאנצע גרונדלאזיגקייט און אומבארעכענטקייט פון את דער קינסטליך אויפגעבלאזענער אישיו, און דאס גראדע אין א צייט, ווען אונזערע פראבלעמען זיינען פון אזא ברענענדער וויכטיגקייט, אזוי, דאס קיין אונץ פון דעם כוח פון דער אינטערנײשאנאל האט ניט געטארט פארוואנדעט ווערען אויף את דער דאזיגער אויך-מיר-פראגע, האט ער זיכער אויסגעדריקט דעם סענטימענט פון דעם גאנצען דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד, און מיר האפען, אויך פון אונזער גאנצער גרויסער מעמבערשיפ.

דאס אלעס האט אבער ניט געשטערט אויף דאס מינדסטע דעם דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד אויפצוטאן זיין געוויינליכע ארבייט, וואס דער מאמענט האט געפאדערט. אזוי זיינען אויסגעהערט געווארען די רעפארטען פון דזשענעראל סעקרעטאר באראף, פון פרעזידענט שלעזינגער, פון וויס-פרעזידענטען מאריס זיגמאן, מאיר פערלשטיין פון קליוולאנד, פון ה. סקולמאן פון שיקאגא, פון ס. זיידמאן פון סינסינעטי, פון ס. לעפקאוויטש, פון דער פינאנץ קאמיטע, פון רעקארד דעפארטמענט און אויך פון די פארשיידענע קאמיטעס. פון יעדען רעפארט איז געווען פיל וואס צו לערנען.

אין דעם רעפארט פון סעקרעטאר באראף איז דער הויפט פונקט געווען, דאס צווישען די הוצאות פון דער אינטערנײשאנאל און איהר הכנסה הערשט א גרויסער אונטערשייד. ער האט אנגעוויזען אויף נאר פילע לאקאלס, פון וועלכע עס קומען ארייין גראשענס, און אויף וועלכע די אינטערנײשאנאל ספענט טויזענטער; ער האט אנגעוויזען, אז א דאנק דער גרויסער ארבייטסלאזיגקייט איז ארייינגעקומען אין דער אינטערנײשאנאל מיט נאר שווערע צעהנדליגע טויזענדע דאלערס ווייניגער, וויפיל מען האט ערווארט עס זאל ארייינקומען אויף דער לעצטער קאנווענשאן אין שיקאגא, ווען עס איז באשטימט געווארען דער פער-קאפיטא טעקס פון 10 סענט. עס איז קלאר געווארען פון דעם רעפארט פון דזשענעראל סעקרעטאר, אז די אינטערנײשאנאל באדט זיך ווייט ניט אין געלט, און דאס עס איז נויטיג די שטרענגסטע עקאנאמיע איבערצוקומען די שלעכטע צייט.

און דער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד האט אין זיינע שפעטערע באשליסע דאס געהאט גוט אין זינען, און וואו נאר עס איז געווען א הוצאה, וואס האט געקאנט געשניטען ווערען, איז עס געטאן געווארען.

אין דער זעלבער צייט האט פון דעם רעפארט פון סעקרעטאר-טרעזשורער געוועהט מיט א געזונטען אפטימיזם. ער האט אנגעוויזען אויף דעם פאקט, דאס די אינטערנײשאנאל אין איהר „דעפענסיווע" האט ניט אויף די ברייט פון א האר אפגעוויכען פון איהר אנגעצייכענטען פראגראם, און עס איז ניטא קיין איינציגער פאל, אין וועלכען עס איז געשניטען געווארען דער ארבייטער-לוין, אדער פארגרעסערט געווארן די ארבייטס-שטונדען. די אינטערנײשאנאל איז געווען יעדע מינוט פון יעדען טאג אויף איהר פאסטען, און א דאנק דער ענערגישער אומערמידליכער ארבייט פון פרעזידענט שלעזינגער זיינען אלערליי סכסוכים, אויסער אין פילאדעלפיע און באסטאן, געסעטעלט געווארען אויף א פרידליכען אופן און פאלשטענדיג צו גונסטען פון די ארבייטער.

די איינציגע צרה איז די איצטיגע שרעקליכע ארבייטסלאזיגקייט, פון וועלכער אונזערע אינדוסטריען זיינען אזוי שטארק געטראפען געווארען, ווי אלע אנדערע אין לאנד. אבער, אז מען פארגלייכט די לאגע אין אונזערע אינדוסטריען מיט אנדערע, און אונזערע יוניאן-ארבייטער מיט אנדערע, איז די אינטערנײשאנאל בארעכטיגט צו פילען זיך אמת שטאלץ.

דער רעפארט פון פרעזידענט שלעזינגער האט אין זיך אפגעשפיגעלט די גאנצע נערוועזיטעט און אומרוהיגקייט פון אונזער צייט. ער האט אנגעוויזען מיט אנטריסטונג אויף די כוחות אויסער די יוניאנס, וועלכע זוכען צו צושטערען אלעס, וואס איז מיט אזוי פיל מיה אויפגעבויט געווארען. געוויס האט ער ניט קיין מורא פאר דאס לעבען פון אונזער ארגאניזאציע. צו קליין, צו נישטיג זיינען יענע מענשען, אז זיי זאלען קאנען טאן ווירקליך פיל בייזעס. אבער עס איז קיין פראגע ניט, אז זיי העלפען פיל דער איצטיגער מוחות-צומישעניש. זיי שטערען ביז צו א געוויסען גראד אין דער נויטיגער ארבייט. עס איז א שאנדע, האט ער אויסגעשריען מיט אנטריסטונג, ווען עס געהען ארום מענשען, פון וועלכע איינער האט די פרעכהייט צו באריימען זיך, אז ער קאן דעליווערען צו דער און דער פארטיי די יוניאן, א צווייטער — א צווייטע יוניאן, אזוי ווי די יוניאנס וואלטען געווען א שפיל-באל פאר די דאזיגע אוואנטוריסטקעס. נאטירליך, ווייס ער, אז דאס איז א בלאף, אז די ארבייטער באוועגונג איז צו שטארק אויסגעוואקסען, אז זי זאל קאנען דינען אלס שפילצייג פאר יעדען דעמאגאג, אבער עס פארדריסט, עס ערגערט, וואס געוויסע עלעמענטען א י ן די יוניאנס מיט זייערע אומבארעכענטע האנדלונגען און רעדעריי גיבען את די דעמאגאגען א שיין פון רעכט, אז זיי קאנען זיך באנוצען מיט די יוניאנס פאר זייערע נארישטיגע פערזענליכע אמביציעלאך.

דאס גוטע איז אבער דאס, וואס די גרויסע מעמבערשיפ וויל ניט וויסען פון את די אלע אוואנטוריסטקעס. זי האט איהר אויג אויף דער גאנצקייט און דער

די אונטערזוכונג זאל ארויסבריינגען דעם פאקט, אז די ארבייטער פון יוראפ אימיגרירען אין זייערע מיליאנען, און זייער קומען ווירקט שלעכט אויף די ארבייטער-ווידזשעס אין אמעריקא, איז נעג. יוסף שלאסבערג אויך דאן פאר א פאלשטענדיג פרייע אימיגראציע? אויב אזוי, טא וואס דארף מען די אונטערזוכונג נאר איננאנצען? איז דאך קלאר, אז נעג. שלאסבערג איז בשום אופן ניט באדינגונגסלאז פאר פרייע אימיגריישאן, און איז טאקע פונדאמענטאל ניט איינפארשטאנען מיט די איבעריגע דעלעגאטען פון אמעריקא. ווילט זיך זעהר שטארק וויסען, וואס איז די פעסטע, באשטימטע שטעלונג פון נעג. יוסף שלאסבערג, אלס פארטרעטער און אלס סעקרעטאר-טרעזשורער פון דער אמאלגאמייטעד״?

GERECHTIGKEIT
A Labor Weekly
Published every Friday by the International Ladies' Garment Workers' Union
Office, 31 Union Square, New York, N. Y. Tel. Stuyvesant 1126.
B. SCHLESINGER, President — S. YANOFSKY, Editor.
A. BAROFF, Sec'y-Treas. — ABRAHAM TUVIM, Business Mgr.
Subscription price paid in advance. $1.00 per year.
Vol. III. No. 41. — New York, Friday, Oct. 7, 1921.
Entered as Second Class matter April 16, 1920, at the Postoffice at New York, N. Y., under the act of August 24, 1912.
Acceptance for mailing at special rate of postage provided for in Section 1103 Act of October 3, 1917, authorized on January 25, 1919.

פון רעדאקטאר'ס נאטיץ-ביכעל

די באלדיגע מיטלען געגען ארבייטס-לאזיגקייט.

מיט צוויי וואכען צוריק, איידער עס האט זיך אנגעפאנגען אין וואשינגטאן די קאנפערענץ איבער ארבייטסלאזיגקייט, האבען מיר ערקלערט, אז דער איינציגער באלדיגער און ווירקזאמער מיטעל געגען דער דאזיגער מגפה ליגט אין די הענט פון די ארבייטער זעלבסט. ווען די יעניגע, וועלכע האבען ארבייט, וועלען איינוויליגען זיך צו טיילען מיט זייערע דזשאבס מיט די, וועלכע האבען ניט, וועט די פראגע פון ארבייטסלאזיגקייט פאר דעם מאמענט, אויב ניט געלייזט, באדייטענד געמילדערט ווערען. די קאנפערענץ אין וואשינגטאן אין איהר פראגראם פאר די ארבייטסלאזיגקייט איז געקומען צו דעם זעלבען פלאן. ערשטענס, איינפיהרען „טייל-צייט"-ארבייט. דאס מיינט, אז אנשטאט די ארבייטער זאלען ארבייטען 8 שטונדען יעדען טאג און א גאנצע וואך, זאלען זיי ארבייטען בלויז אדער פיר שטונדען א טאג, אדער א האלבע וואך אדער א וואך איבער א וואך, אזוי, אז א טייל פון זייערע ווידזשעס זאלען קענען פארדינען די מיליאנען ארבייטסלאזע. צו דעם הויפט-פלאן ווערט נאך צוגעגעבען א רעקאמענדאציע, אז די מאנופעקטשורערס זאלען אזוי ווייט, ווי מעגליך, מאכען סטאק, און זעהן גלייך אנפאנגען פארשידענע ארבייטען פון פאריכטען, רייניגען, בויען א. אז. וו.

* *

פארשטעהט זיך, אז פאר דעם פלאן, אז די ארבייטער זאלען אפפערען מיט א טייל פון זייערע ווידזשעס פאר די, וועלכע זיינען ארבייטסלאז, איז די קאנפערענץ אין וואשינגטאן כמעט ווי ניט נויטיג. נאך אלעמען וועלען דאך בלויז די ארבייטער ליידען פון דעם פראגראם, אויב אזעלכער וועט דורכגעפיהרט ווערען. פאר דעם מאנופעקטשורער איז דאך ווירקליך אלץ איינס, ווער עס מאכט פאר איהם די ארבייט, אבי זי ווערט נאר געמאכט. וואס קען עס איהם ארען, ווען אין זיין פעקטארי וועט ביי א געוויסער מאשין איין וואך ארבייטען דזשעק, און די צווייטע וואך דזשים, ווי באלד זיי טוען ביידע די זעלבע ארבייט? דער מאנופעקטשורער לייגט גארניט צו צו דער געשיכטע. דער איינציגער, וואס פארלירט דערביי איז דער ארבייטער, טו ווארום זאל דער מאנופעקטשורער ניט איינשטימען דערצו? און דאס, האבען מיר גערעכענט, האט געקאנט אויספיהרען דער ארבייטער אליין אויף זיין אייגענער קאנפערענץ. און דאס וואלט, פון אונזער שטאנדפונקט, געווען פיל, פיל בעסער. עס וואלט געווען קלאר פאר אלע, אז קיינע, אויסער דעם ארבייטער אליין, קען ניט לייזען די פראגע פון ארבייטסלאזיגקייט. נאר, אז עס האט זיך אזוי געמאכט, איז ניטא וואס זיך צו באקלאגען. מעהר ניט, איצט וועט עס הייסען, אז די ארבייטער אליין וואלטען קיינמאל ניט איינגעוויליגט אויף אזא פלאן, נאר, וואס האבען זיי זיך געקאנט העלפען, אז די מאנופעקטשורערס האבען זיי געצוואונגען דערצו!

* *

איז דאך שוין אלעס גוט? איז אבער נאך אלץ ניט גוט. די „טיימז", נאטירליך, גיט איהר צושטימונג צו אט דעם באלדיגען מיטעל. ווארים, ערשטענס, קאסט עס איהר גארניט. און, צווייטענס, איז די אויסזוכט פון מיליאנען און מיליאנען מענשען הונגעריגע אין מיטען ווינטער ניט קיין זעהר געשמאקע זאך. ווער ווייס, מיט וואס אזא געשיכטע קאן זיך ענדיגען? דערפאר שטימט איין די „טיימז" מיט דעם פלאן. דאך האט זי מורא, אז דורך דעם, וואס איין וואך וועט ארבייטען איין ארבייטער, און די צווייטע אן אנדערער ארבייטער, קאן נאך דערפון, חלילה, ליידען די ארבייטס-פראדוקטיוויטעט. אן אומבאקאנטער, א פרעמדער ארבייטער וועט געוויס ניט מאכען אזוי פיל ארבייט, ווי דער, וואס איז שוין איינגעטרייט. זי זעהט דארום אין דעם פראגראם בלויז א מיטעל פאר דעם מאמענט.

* *

וועלכער זשע איז דער ריכטיגער מיטעל, וואס זאל טאקע לייזען גרינדליך די פראגע פון ארבייטסלאזיגקייט? איהר וועט זיכער ניט ווערען ערשטוינט, ווייל מיר ליידען דאך דא פון דער „טיימז", ווען מיר וועלען אייך גלייך זאגען, אז איהר גרינדליכער מיטעל איז, אז די ארבייטער זאלען זיך לאזען נאך מעהר שניידען די ווידזשעס. זי ארגומענטירט מיט פיל שכל, ווי פאלגט: די ארבייטסלאזיגקייט קומט דאך דערפון, וואס די מענשען קויפען איצט אזוי ווייניג ווי מעגליך. און פאר וואס קויפען זיי נים? ווייל די פרייזען אויף די פארשיידענע געברויך-זאכען זיינען זעהר הויכע. און ווארום זיינען די פרייזען הויכע? ווייל דער ארבייטער, כאטש ער האט שוין געלאזען זיך שניידען א גאנץ היבשען טייל פון זיינע ווידזשעס, קריגט אבער נאך אלץ א צו גרויסע ווידזש. דערפאר מוזען די ארבייטער-ווידזשעס נאך ווייטער געשניטען ווערען. דאן וועלען די פרייזען אויף די פארשיידענע פראדוקטען זיכער פאלען. און אז די פרייזען וועלען פאלען, וועט דער עולם ווידער אנהויבען צו קויפען. דאן וועט ווערען ריכטיג ביזי אין אלע פעקטארים, און די פראגע פון ארבייטסלאזיגקייט וועט ווערען געלייזט. אי, וואס צוויי ארבייטער וועלען קריגען דאן די ווידזשעס, וואס איצט קריגט איין ארבייטער, און ווי ביליג פארשיידענע פראדוקטען זאלען ניט ווערען, וועט דער ארבייטער מיט א העלפט פון זיינע איצטיגע ווידזשעס אלץ זיי ניט קאנען קויפען? אזוי ווייט פארטראכט זיך ניט די „טיימז". אדער, אפשר, ווען די „טיימז" רעדט פון דעם פובליקום, וואס קויפט, האט זי ניט אין זינען דעם ארבייטער. געהערט דען דער ארבייטער אויך צום פובליקום?

* *

אזוי ארגומענטירט די „טיימז". מיר לערנען דעם פשט אביסעלע אנדערש. מיר מיינען, אז דאס, וואס דער יקרות אויף אלעס איז נאך אלץ אכזריות'דיג גרויס, קומט עס גאר ניט פון די גרויסע ארבייטער-ווידזשעס. ווי קאן מען זיי רופען גרויס, אז מיט די ווידזשעס האט ער קוים אויף זיין אויסקומעניש? ווען די ווידזשעס וואלטען ווירקליך געווען גרויס, וואלט דאך די געפאהר פאר דעם קומענדען ווינטער ניט געווען אזא סטראשנע. ווארים, ווי וואלט יעדער ארבייטער, וואס איז איצט ארבייטסלאז, ניט אפגעשפארט פון די גרויסע ווידזשעס א פאר טויזענטער? ער האט אבער ניט אפגעשפארט. א סימן, אז די ווידזשעס זיינען ניט געווען קיין צו גרויסע. און ניט די ווידזשעס פון ארבייטער זיינען די אורזאכע פון דעם יקרות. עס איז דער גרויסער אפעטיט פאר פראפיטען פון דעם מאנופעקטשורער, פון דעם האלסיילער און ריטיילער, וואס איז דער אמת'ער טאטע פון די הויכע פרייזען. און דערפאר איז ניט מעהר, ווי לאגיש און יושר'דיג, אז קודם כל זאלען די האלסיילער און ריטיילער ברענגען כאטש א שטיקעל אפפער פון זייער זייט. מוזען דאס זייערע פראפיטען זיין פופציג און הונדערט פראצענט? קאן מען זיך ניט באנוגענען מיט ווייניגער? אט דאס וואלט גלייך געמאכט די פרייזען אויף אלעס פיל ביליגער. און אט דאן ערשט, ווען אלעס, רענט, קליידונג, באהייצונג, באלייכטונג, שפייז וועט ווערען פיל, פיל ביליגער, דאן ערשט וועט מען מיט א שיין פון רעכט קאנען קומען צום ארבייטער און זאגען: איצט איז די רייהע אן דיר. אבער איצט צו פאדערען פון דעם ארבייטער, אז ער זאל אראפלאזען פון זיינע ווידזשעס, איבערהויפט נאך, אז ער וועט מוזען זיך טיילען מיט זיין דזשאב מיט זיין ברודער, וואס איז אינגאנצען ארבייטסלאז, דערצו דארף מען האבען א מצח אשה זונה... דער פאקט איז, אז די קאנפערענץ אין וואשינגטאן האט נאך דערוויל ניט געוואגט ארויסצוקומען מיט אזא מין פאדערונג.

פרעזידענט הארדינג אלס אפטימיסט.

מיר האבען א פרעזידענט, איז ער פול מיט מעלות. אבער פון אלע זיינע מעלות איז די גרעסטע — זיין אפטימיזם און זיין זיכערהייט. ער זעהט אין לאנד אן ארמיי פון מיליאנען ארבייטסלאזע. אן אנדערער אויף זיין פלאץ, וואלט זיך פארטראכט: אפשר איז טאקע עפעס דער מעהר מיט אונזער גאנצער ארדנונג? ווארום, וואס איז עס טאקע פאר אן ארדנונג, אז מיליאנען מענשען זיינען נאהענט צו א הונגער-טויט אין א לאנד, וואו עס איז דא מכל טוב? און אנדערער אויף זיין פלאץ וואלט א קלער געטאן, אויב עס איז איבערהויפט דא א ריכטיגער מיטעל געגען ארבייטסלאזיגקייט אונטער א סיסטעם, וועמעס פונדאמענט איז פראפיטען, עקספלואטאציע? אונזער פרעזידענט איז אבער ניט אזוי געבויט. ערשטענס, איז ער זיכער, אז אונזער ארדנונג איז די סאמע בעסטע, און ער איז מתרה די קאנפערענצלער וועגען ארבייטסלאזיגקייט, אז וועגען דעם האבען זיי גארניט וואס צו טראכטען. דער טעמפעל, זאגט ער, וואס מיר האבען אויפגעבויט, נויטיגט זיך ניט אין קיינע פאטשינקעס. אלעס אין איהם איז געזונט, שטארק. מעהר ניט, מיר ליידען פון א שטיקעל פיבער, נו איז מה רעש? פון א פיבערל איז נאך קיינער ניט געשטארבען. און דאן איז ער זיכער, פאזיטיוו זיכער, אז אונזערע קאנפערענצלער וועלען געפינען די זיכערסטע מיטלען. מיר דארפען נאר אלע זיך א נעם טאן, און עס וועט זיין וואויל צו אונז און וואויל צו דער גאנצער וועלט.

* *

וועל, אזא אפטימיזם און אזא זיכערקייט איז ווערט כל הגעלטען. דאס אליין איז שוין באלד דער ריכטיגער מיטעל געגען ארבייטסלאזיגקייט. אין דעם אונטערשיידט זיך אונזער איצטיגער פרעזידענט זעהר שטארק פון דעם געוועזענעם פרעזידענט טאפט און דעם איצטיגען טשיף דזשאסטיס פון יונייטעד סטייטס סופרים קאורט. יענער, אז מען האט איהם געפרעגט אין דער צייט פון א קריזיס, וואס זאל טאן אן ארבייטער אהן א דזשאב, האט ער געענטפערט: „גאט ווייס". וואס דאס האט געמיינט צו זאגען, אז ער, טאפט, ווייס ניט. ביי הארדינג'ען אבער איז ניטא אזא זאך, ווי ניט וויסען. א פרעזידענט מוז אלעס וויסען.

אויף וועמעס זייט וועט גאמפערס שטעהן?

ניט לאנג צוריק האט גאמפערס, מיט אן עכט-גאמפערסישער באריידזאמקייט ערקלערט, אז די ארבייטער טארען זיך ניט אונטערגעבען, אהן ווידערשטאנד, צו דעם אנבאט פון קלענערע ווידזשעס. עס איז בעסער צו ווערען זיך און פארלירען, איידער זיך גאר ניט ווערען. עס איז איבעריג צו זאגען, אז מיר זיינען מיט איהם פאלקאם איינפארשטאנען אין דעם פונקט. ווארים, אויב די ארבייטער זאלען זיך ניט ווערען, קען עס פאסירען, אז זייערע ווידזשעס זאלען אלץ מעהר זינקען און זינקען, ביז עס וועט באלד ניט זיין קיין אונטערשיד צווישען דעם אמעריקאנער ארבייטער און דעם כינעזישען קולי. ווידערשטאנד געגען פארקלענערונג פון ווידזשעס איז דעם ארבייטערס פליכט. נון. איז אט האבען מיר פאר זיך אזא פאל. די לאנגשארמען-יוניאן האט באשלאסען אין איהר מאיאריטעט אנצונעמען א ווידזשעס-שניט, ניט קעמפענדיג, ניט לייסטענדיג דעם מינדעסטען ווידערשטאנד. א מינאריטעט פון דער יוניאן אבער האט אנגענומען גאמפערס'עס ראט, און האט באשלאסען צו סטרייקען. נו, נאטירליך, די לאנגשארמען יוניאן באטראכט די סטרייקער, אלס אוטלאס. און זי האט באשלאסען צו ברעכען דעם ווידערשטאנד פון די טויזענטער און טויזענטער סטרייקערס. אבער די דאזיגע „אוטלאס" האבען דאך געהאנדעלט אין גאנצען אין דעם גייסט פון גאמפערס'ען. זיי ווילען ניט אונטערווארפען זיך פרידליך צו זייערע באסעס, און אנגענומען דעם פארקירצטען ווידזש אהן ווידערשטאנד. זיי קעמפען, ווי גאמפערס אליין האט עס פון די ארבייטער געפאדערט. טו מיט וועמען וועט גאמפערס שטעהן: מיט דער יוניאן, אדער מיט די „אוטלאס"?

* *

נאטירליך, צווייפלען מיר ניט אויף איין מאמענט, מיט וועמען גאמפערס וועט שטעהן. ער איז אן ארגאניזאציאנס-מענש. אלס אזעלכער גלויבט ער אין דיסציפלין. אהן דעם קען קיין ארגאניזאציאן ניט עקזיסטירען. א חוץ דעם איז ער א דעמאקראט, האלט ער פון דעם פרינציפ: „מאדזשאריטי רולס", אחרי רבים להטות. ער וועט דארום זיי, וואס האבען געהאנדעלט אין דעם גייסט פון זיין באריידזאמקייט, מוזען ערקלערען, אלס „אוטלאס". אבער וועט ער דען קענען זיך העלפען אין הארצען ניט סימפאטיזירען מיט דיזע עקשנים, רעבעלען? ווארים, אויב דיזע רעבעלען האבען געהאנדעלט ניט ארגאניזאציאנס-מעסיג אין באצוג צו זייער ארגאניזאציע, האט אבער ניט די גאנצע יוניאן געהאנדעלט שלעכט אין באצוג צו דער גאנצער און גרויסער ארבייטער-באוועגונג? וועט דען ניט דער באשלוס פון דער לאנגשארמען יוניאן זיך צו אונטערווארפען צו א ווידזש-שניט אהן דעם מינדעסטען ווידערשטאנד ניט זיין א שלעכטער ביישפיל פאר פילע אנדערע ארבייטער-ארגאניזאציעס צו האנדלען פונקט אזוי שעפסענמעסיג, ווי זיי?

* *

דאס איז ווירקליך א פראגע, איבער וועלכער עס לוינט זיך א טראכט צו טאן סיי פאר אונזער טשיף, און סיי פאר די גרויסע נאכפאלגערשאפט זיינע. די אמעריקאן פעדערייישאן אוו לייבאר האט אנגענומען א באשטימטע פאליסי, א פאליסי פון ווידערשטאנד געגען דער מגפה פון ווידזש-שניידעריי. איז עס דארום ניט איהר פליכט צו זארגען, אז די פאליסי זאל דורכגעפיהרט ווערען? און ווי קען זי דען בעסער אויסגעפיהרט ווערען, ווי מיט דער פולסטער אונטערשטיצונג פון אלע די, וועלכע פאלגען איהר?

איז געג. יוסף שלאסבערג אן אנטי-אימיגריישיאניסט?

מיר האבען ערשט די טעג ערהאלטען דעם רעפארט פון דעם אינטערנאציאנאלען קליידער-ארבייטער קאנגרעס אפגעהאלטען אין יאהר 1920 אין קאפענהאגען. אויף דעם קאנגרעס איז אונזער אינטערנעשאנאל געווען פארטראטען דורך פרעזידענט שלעזינגער און וויס-פרעזידענט ס. לעפקאוויטש. געג. יוסף שלאסבערג האט פארטראטען די אמאלגאמייטער. בלעטערענדיג אין דעם רעפארט געפינען מיר דארט פאלגענדעס:

שלאסבערג (ניו יארק) האט געזאגט, דאס דער פארבאנד דארף דעפינירען זיין שטעלונג צו דער פראגע פון עמיגראציע מיט דעם ציל ניט צו דערלאזען צו דער איינוואנדערונג פון יוראפ, וואס דאס קאן ברייגגען צו א פארקלענערונג פון ווידזשעס אין אמעריקע. ער האט פארגעשלאגען, אז די אנגעלעגענהייט זאל איבערגעגעבען ווערען צו דער ביורא.

שלעזינגער (ניו יארק) האט ערקלערט, אז זיין ארגאניזאציאן איז צו גונסטען פון פרייער אימיגריישאן און פון אן אפענער טיר פאר אלע, און איז געגען יעדע באשרייגקונג פון אימיגריישאן.

דאהלמאן (שיקאגא) האט איינגעשטימט מיט די אנזיכטען פון דעם פאריגען רעדנער. עס איז ניט רעכט פאר די, וועלכע זיינען אליין אימיגראנטען צו פארשליסען די טיר געגען אנדערע. עס איז נאך דא גענוג פלאץ אין אמעריגע פאר מעהר אימיגראנטען.

דיומא (פאריז): אימיגריישאן נאך אמעריקע איז ניט צו ערווארטען פאר די נעקסטע עטליכע יאהר, און צוליב דעם גרונד דארפען ניט די אמעריקאנער רעפרעזענטאנטען זיין אומרוהיג.

שלאסבערג (ניו יארק): צווישען מיר און די אנדערע דעלעגאטען איז ניטא קיין פונדאמענטאלער מיינונגס-אונטערשייד. מעהר ניט, איך האב געוואלט, אז אן אונטערזוכונג זאל געמאכט ווערען אין די פארהעלטניסע, וואס קאנען אנטשטעהן פון צייט צו צייט. איך בין דארום באריט צוריקצוציהען מיין פארשלאג.

פארגלייכט דאס, וואס געג. יוסף שלאסבערג האט געזאגט אין אנפאנג מיט דאס, וואס ער האט געזאגט צו לעצט, און איהר וועט געפינען א גרויסען אונטערשייד. געג. שלאסבערג האט ניט געפאדערט אן אונטערזוכונג פון צושטענדע, וואס קאנען פארקומען פון צייט צו צייט. ער האט געפאדערט, אז דער קאנגרעס זאל אננעמען א באשטימטע שטעלונג צו דער פראגע פון אימיגראציע. דערביי דריקט ער אויס זיין מיינונג, אז די אימיגראציע פון די אייראפעאישע ארבייטער ווירקט זעהר שלעכט אויף די ווידזשעס פון די אמעריקאנער ארבייטער. א מיינונג, אין וועלכער ער ווערט א זעהר נאהענטער קרוב מיט דער אמעריקאן פעדערייישאן אף לייבאר. ווארים קיין אנדער גרונד האט די אמעריקאן פעדערייישאן אף לייבאר קיינמאל ניט אנגעגעבען, ווי נאר דעם, וואס די אנקומענדע ארבייטער פון יוראפ דריקען ארונטער די ווידזשעס פון די אמעריקאנער ארבייטער.

* *

דערפאר איז געג. שלאסבערג'ס ציהען צוריק פון זיין פארשלאג זעהר ניט איבערצייגענד. ער גיט ניט אן דעם ריכטיגען גרונד, ווארום ער האט צוריקגעצויגען זיין פארשלאג. ווילען מיר ביי איהם בעטען, ער זאל זיין אזוי גוט און מאכען קלאר דא, אין ניו יארק, פאר זיין גרויסער מיטגלידערשאפט, וועלכע ער האט פארטראטען אויף דעם אינטערנאציאנאלען שניידער-קאנגרעס, וואס האט ער באצוועקט מיט זיין פארשלאג? און וואס האט איהם באוואויגען דעם פארשלאג צוריק צו ציהען? ווען מיר זאלען אננעמען אפילו, אז מיט זיין ערשטען פארשלאג האט ער געמיינט בלויז אן אונטערזוכונג פון דער אימיגראציע נאך אמעריקע פון צייט צו צייט, מיינט דאך עס אויך, אז אין דער פראגע פון אימיגראציע איז ער זעהר ווייט פון צו זיין איינפארשטאנען מיט די איבעריגע אמעריקאנער דעלעגאטען. ווען, למשל,

די ארבייטער לאגע אין אייראפא

(איינדרוקען).

פון אלעקסאנדער פיטשהענדלער (דירעקטאר אינטערנעשאנאל עדיוקיישאנאל דעפארטמענט)

2.

וואס וואלט געווען, ווען איינער וואס פארקויפט צייטונגען, זאל זיך אוועקשטעלען ביים „קעפיטעל" אין וואשינגטאן און פארקויפען קאמוניסטישע צייטונגען? ווי לאנג וואלט עס נעהמען, אז אן „אמעריקאנער „לידזשאן־מאן", אדער אן עכטער „100 פראצענטיגער יענקי" זאל איהם ווייזען וואוהין ער באלאנגט?

איך בין דעריבער גאנץ איבערראשט געווארען, ווען איך האב געזעהען אין לאנדאן, ביים טיר פון פארלאמענט, שטעהן א מאן און שרייען: „קויפט דעם קאמוניסט!"

פון אנפאנג האב איך מורא געהאט צוגעהן נאהנט צו דעם מאן. מיר האט געשיינט, דאס ווי נאר איך וועל קויפען א קאפיע פון יענער צייטונג, וועט גלייך פון ערגעץ ארויסשפרינגען א דעטעקטיוו און אונז ביידען ארעסטירען.

ענדליך האב איך צוזאמענגענומען דאס ביסעל מוט און געקויפט א קאפיע פון דעם „קאמוניסט". דאס איז ווירקליך געווען א זעהר רויטע צייטונג. עס זיינען פארבייגעגאנגען נאך מענשען און האבען אויך געקויפט די צייטונג, אבער עס האט גאר ניט פאסירט, מען האט ניט ארעסטירט ניט די קויפער און ניט דעם פארקויפער.

אט דער פאקט וועט אפשר העלפען צו פארשטעהן, ווארום די עקסטרים ראדיקאלע באוועגונג אין ענגלאנד קאן ניט שנעל פראגרעסירען. מעגליך אפשר, דאס ווען די ענגלישע רעגירונג זאל אנפאנגען אונטערדריקען דעם פארקויף פון דעם „קאמוניסט" און עהנליכע צייטשריפטען, וואלט די עקסטרים ראדיקאלע באוועגונג דארט גיכער געוואקסען.

אין דייטשלאנד האב איך געפיהלט ווי איך וואלט טרעטען אויף א ווולקאן, וואס איז גרייט יעדע מינוט אויסצושיסען.

מאנכע וועלען זיך אפשר וואונדערען פון דער באמערקונג. ווארום דער פאקט איז, אז אין די גרויסע שטעט פון דייטשלאנד שיינט דאס לעבען צו זיין נארמאל. די גאסען זיינען פול מיט מענשען, די פאבריקען ארבייטען, די געשעפטען זיינען אפען, מענשען האנדלען, — מען קויפט און מען פארקויפט און דאס גאנצע אינדוסטריעלע לעבען פון דער גרויסער שטאט שיינט צו זיין נארמאל, ווי געוועהנליך.

אזוי קאן מען אויך מיינען, ווען מען ווארפט א בליק אין פארגעניגענס־פלעצער פון די גרויסע שטעט אין דייטשלאנד. די טייערע רעסטאראנען זיינען פול מיט שעהן־געקליידעטע מענער און פרויען, וואס עסען און טרינקען אויף וואס די וועלט שטעהט. די טישען זיינען רייך געדעקט מיט זילבער און ליינען און די וויטערס גלאנצען.

אויך די קאפעען זיינען טאג און נאכט פול מיט מענער און פרויען. מען זיצט און מען עסט או טרינקט, און זעהען אויס צו זיין צופרידען מיט'ן לעבען.

פאהרט מע אבער ארונטער אין ארבייטער קווארטאל און מען כאפט א שמועס מיט וועמען מען באגעגענט דארט, געפינט מען באלד אויס א גאנץ אנדער געשיכטע. דארט זעהט מען אן אומזופרידענקייט. דארט שטארטשעט ארויס דער עקאנאמישער פראבלעם. אין דער צייט וואס די מאנופעקטשורער, ביזנעס־לייט און פראפעסיאנאלען האבען מכל הטוב, האט ניט די גרויסע צאהל ארבייטער גענוג פאר א קארגען, קארגען לעבען.

„וואס קאן מען דערווארטען?" — האט אן ארבייטער געענטפערט מיט א פראגע, ווען איך האב איהם געפרעגט וועגען דער לאגע. „די פרייזען אויף אלע ארטיקלען — זאגט ער — זיינען גאנץ הויך ארויפגעטריבען, זיי זיינען צעהן מאל אזוי הויך ווי זיי זיינען פריהער געווען. און די שכירות אונזערע זיינען וויטשטיים אזוי הויך געשטיגען, די שכירות האט זיך געהויבען בלויז זעקס מאל אזוי פיל ווי עס איז פריהער געווען.

דער דורכשניטליכער פארדינסט פון א געלערנטען ארבייטער, איז צווישען 300 און 350 מארק א וואך.

אבער וואס קומט דערפון ארויס? — פרעגט מיך ווייטער דער ארבייטער. די בילינסטע פאר שיך וואס מען קאן באקומען, קאסט 200 מארק; דעם בילינסטען אנצוג וואס מען קאן באקומען, קאסט 600 מארק. טא וואס קאן א פאמיליען מאן אויפטאן מיט 300 מארק א וואך וואס מען פארדינט?

איך האב איינגעשטימט מיט איהם, אז די לאגע איז ניט קיין גוטע.

— אבער וואס קאן מען טאן? — האב איך איהם געפרעגט.

ער האט זיך א ווייל פארטראכט און געענטפערט, אז ער ווייס ניט. קענטיג, אז ער איז נישט געווען איינער פון די קלאסען־באוואוסטע סאציאליסטען.

א צווייטער ארבייטער, מיט וועלכען איך האב גערעדט וועגען זעלבען ענין, האט מיר געזאגט, „דאס די לאגע אין דייטשלאנד וועט ניט ווערען בעסער, אויב מען וועט איר ניט צוריקגעבען אויבערשלעזיען, וואס מען האט פון איהר אוועקגערויבט."

אין אלגעמיין שיינט עס, דאס די פילע „אישום" האבען די דייטשישע ארבייטער צומישט, און זיי וויסען ניט קלאר די איצטיגע לאגע.

ניט וועניג פארטומעלט מען זיי די מחות מיט'ן שאוויניסטישען נאציאנאליזם, און דאס ציהט אפ זייער אויפמערקזאמקייט פון די ווירקליכע אורזאכען פון זייערע צרות.

דער אפגעריסענער „קעב־דרייווער", וואס האט מיר געפיהרט ארום בערלין, האט די גאנצע צייט גערעדט פון דעם יקרות אויף לעבענס מיטלען, און פון דער אומפעהיגקייט פון דער רעגירונג צו באשיצען דעם ארבייטער'ס אינטערעסען.

„און ווייסט איהר — מאכט ער, זיך אנרוקענדיג נעהנטער צו מיר — ווער עס איז אין דעם אלעם שולדיג? די אידען!"

„ווען ניט די אידען — רעדט ער ווייטער — וואלטען מיר האבען א גוטע און א שטארקע סאציאליסטישע רעגירונג, און די ארבייטער וואלטען זיין גוט אפ. אין אלעם זיינען שולדיג די אידישע קאפיטאליסטען, ווייסט איהר, מאכט ער, וואס זיי האבען געטאן? זיי האבען אונטערגעקויפט די קאמוניסטען צו צוברעכען די סאציאליסטישע פארטיי, כדי די ארבייטער זאלען גארניט קאנען אויספיהרען.

ער האט הפנים באמערקט אויף מיין פנים אז איך שטים ניט איין מיט זיין דערקלערונג און ער האט עס געפרובט מאכען נאך שטארקער.

„ווארום זיינען די קאמוניסטישע געשלאגען פארגעקומען נאר אין די ארימע קווארטאלען פון שטאט? האבען ניט די קאמוניסטען געטאן עס עקסטרא, כדי די פאליציי זאל ארונטערשיסען ארבייטער־היימען?"

איך האב מיט דעם מאן ניט ארגומענטירט. איך האב נאר געטראכט, צו הענרי פארד האט ניט אפגעקויפט די דייטשישע פרעסע צו פארשפרייטען אזעלכע ליגענס וועגען די אידישע קאפיטאליסטען.

אויף דעם, אז די עקסטרעמע ראדיקאלען צוברעכען די פארטיי, האבען זיך מיט כעס געקלאגט פאר מיר נאך אנדערע ארבייטער, מעהר באוואוסטזיניגע ווי דער „קעב דרייווער".

האס געגען פראנקרייך איז א צווייטע אורזאכע אין דער איצטיגער לאגע. די ארבייטער זיינען אומרוהיג און וויסען ניט וואס צו טאן. מאנכע מיינען, אז די מאנארכיסטען וועלען נאך אנמאכען נייע צרות, וועלענדיג אומווארפען די איצטיגע רעגירונג. דאס וועט ברענגען א נייעם קאמף.

די פיהרער פון דער ארבייטער באוועגונג, און פון די ראדיקאלע פארטייען, גיבען צו, אז די לאגע איז א שלעכטע. זיי גלויבען אבער, אז עפעס וועט געשעהען, וואס וועט די לאגע פארבעסערען. זיי האלטען דערווייל אויף זייער אקטיוויטעט און ווארטען, אז די צייט זאל בעסער ווערען.

די ארבייטער יוניאנס האבען זיך פארקלענערט זייט נאך דער רעוואלוציע, כאטש דורך דער צייט איז די ארבייטס־צייט קורצער געווארען און די שכירות האבען זיך געהויבען. זיי האבען אבער פארלארען דעם שטיקעל קאנטראל אויף דער אינדוסטריע וואס זיי האבען באקומען גלייך נאך דער רעוואלוציע.

דאס ערגסטע אבער איז, וואס מיט וועמען איך האב נאר גערעדט האט קיינער ניט געוואוסט, מיט וואס די לאגע וועט זיך ענדיגען.

* * *

אין פראנקרייך באקומט מען דעם הויפט איינדרוק פון א שטארקען מיליטאריזם. אין די גאסען פון די פראנצויזישע שטעט זעהט מען תמיד מארשירען סאלדאטען, עפעס וואס מען זעהט ניט אין די שטעט פון ענגלאנד און דייטשלאנד. דאס מארשירען פון די סאלדאטען איבער די גאסען איז געווארען אזא געוועהנליכע ערשיינונג, דאס קיינער קוקט זיך שוין גאר ניט אום אויף דעם. קיינעם ארט ניט וואו זיי געהען, אדער פון וואנען זיי קומען.

אין די צייטונגען זעהט מען נאר וועגען לאקאוטס און סטרייקס, און דער יקרות אויף לעבענס מיטלען ווערט אלץ גרעסער.

די ראדיקאלע פרעס אין פראנקרייך וואקסט, זי באקומט אלץ מעהר לעזער.

אין פראנקרייך פיהלט מען, דאס די צייט איז רייף פאר אן ערנסטען אויסברוך, כאטש מען ווייס ניט פון וואנען און צו ליב וואס דאס וועט קומען, צוליב דייטשלאנד, צוליב רוסלאנד אדער צוליב עפעס אן אנדער לאנד. אבער קומען מוז עס, סיידען די „קלוגע מענשען", וועלכע האבען אין זייערע הענט דעם שיקזאל פון דער ציוויליזירטער וועלט, וועלען אויסגעפינען א נייע מעטאדע, ווי די וועלט צו פיהרען.

* * *

עס זיינען פאראן א סך אנדערע איינצעלהייטען, וואס וואלטען אינטערעסירען דעם אלגעמיינעם לעזער — אבער איינער, וואס האט נאהנט צום הארצען די פולע באפרייאונג פון ארבייטער קלאס, קאן גאר ניט זיין צופרידען מיט דער איצטיגער לאגע אין אייראפא. אזא איינעם מאכט עס גאנץ שלעכט פיהלען.

עס קומט כסדר ארויף אויפ'ן זינען דער איין געדאנק: „אך, ווען די ארבייטער וואלטען נאר קאנען נאכטאן די קאפיטאליסטען! ווען זיי וואלטען נאר קאנען אפווארפען די אונטערשיידען, זייערע באזונדערע אויסטייטשונגען. אך, ווען זיי וואלטען נאר קאנען זיך אלע פאראייניגען צו באקעמפען זייער אלעמענס שונא!"

דער מוזיק מייסטער

(א פארטרעט).

פון שיינדעל בעדריק

אין א קינסטלער איז שטענדיג דא א געוויסע מאס, פאר אונז געוועהנליכע בשר ודם'ס, צויבער. די אורזאכע דערפון איז וואס א קינסטלער לעבט כמעט אימער זיין אייגען לעבען. ער מאכט זיך פריי פון אלע קאנווענציאנאליטעטען און די געזעלשאפט ערלויבט איהם עובר צו זיין אויף פילעס וועלכעס פארפליכטעט דעם דורכשניטליכען מענשען. נאר ווען אפילו זיינע האנדלונגען וואלטען געווען מעהר געשטערט פון דער געזעלשאפט, און ער וואלט נישט געקאנט לעבען פרייער, ווי דער ארימער דורכשניטליכער מענש, וואלט ער נאך אלץ געווען אין העכסטען גראד אינטערעסאנט. דאס אינערליכע לעבען פון דעם קינסטלער איז אינהאלטסרייך און פארשיידענארטיג. ער איז געבענטשט פון דער נאטור מיט שארפערע חושים, מיט א ברייטערע פאנטאזיע ווי דער דורכשניטליכער מענש. קינסטלער זיינען דאס אויסדערוועהלטע פאלק.

מיט עטליכע יאהר צוריק האב איך געהאט דאס גליק זיך צו באקענען מיט איינעם פון דעם אויסדערוועהלטען פאלק. מיין אויפמערקזאמקייט צו איהם איז צוגעצויגען געווארען דורך דעם גרענעצלאזען ענטוזיאזם פון צוויי תלמידים פאר זייער מוזיק־לעהרער. לויט זייער שילדערונג איז ער געווען דער וואונדערבארסטער מענש, דער גרעסטער מוזיקער; ער האט געהאט דאס ווייכסטע הארץ, דעם טיפסטען פארשטאנד, ער איז געווען דער בעסטער מענש אויף דער וועלט! „אין דער גאנצער וועלט איז אזא מענש ניטא", פלעגען זיי זאגען. „ווי קומט עס", האב איך נאריש געפרעגט, „דאס אזעלכע ארימע קינדער ווי איהר קאנט אויספיהרען זיך צו לערנען ביי אזא גרויסען מוזיקער?" זיי האבען פון מיר געלאכט. האבען זיי דען מיר דען נישט געזאגט אז ער איז אנדערש, אז ער איז נישט איינער פון יענע מוזיקער וועמענס קונסט מען קען מעסטען מיט געלד? ער האט געלערנט נאר מיט קינדער פון ארבייטער און דעריבער גענומען אזוי וועניג שכר לימוד ווי מעגליך, און געלערנט מיט אזוי פיל ארבייטער־קינדער וויפיל ער האט געקאנט. זיין פאל — פלעגט דער מוזיקער ערקלערען — איז פונקט דער היפוך פון דעם ארבייטער'ס. זיי ארבייטען פאר באסעס, מוזען זיי פארלאנגען וואס מעהר לוין און וואס וועניגער שטונדען. נאר ער ארבייט פאר די ארבייטער, מוז ער געבען אזוי פיל צייט און ענערגיע ווי מעגליך, און נעהמען נאר אזוי פיל באצאהלט וויפיל עס זאל איהם סטאיען אויף צו לעבען.

די עלטערען פון די קינדער האבען געפיהלט פונקט אזא באגייסטערונג ווען זיי האבען גערעדט פון דעם מוזיק לעהרער. ביז ער איז געווארען א סאציאליסט, פלעגט ער לעבען צווישען די אריסטאקראטען פון לאנדאן און שטאקהאלם. אבער נאכדעם ווי דער רעוואלוציאנערער גייסט האט איהם מיטגעריסען, האט ער פארלאזט די וועלט פון גלאנץ, רייכטום, באריהמטקייט, גרינגען לעבען, פוילקייט, און אפאטיע, און עס איבערגעביטען אויף שווערער ארבייט, א לעבען אהן אנערקענונג. און דאס איז נישט געטאן געווארען מיט א געפיהל פון צדקה, אדער מארטירערשאפט. זיין ארט לעבען איז געקומען פון אן אינערליכען דראנג צו זיין ניצליך פאר זיינע מיטמענשען, און צו טיילען זיינע פעהיגקייטען מיט די, וועלכע זיינען שטענדיג בארויבט פון דאס בעסטע.

און דאן האב איך זיך מיט איהם באקאנט.

זיינע שילער האבען אפגעגעבען א קאנצערט אין איינעם פון די אינסטיטוטען אין שיקאגא, און איך בין געגאנגען ניט אזוי אום צו הערען דאס שפילען פון די קינדער, ווי אום זיך צו באקענען מיט זייער לעהרער. עס איז נישט נויטיג געווען אז אימיצער זאל מיר איהם אנווייזען. דעם דייטשען דיכטער'ס ווערטער: „דאס אויסערע ענטשפרעכט דעם אינערען", איז געווען אבסאלוט אמת אין דעם פאל. א הויכער מאן פון מערקווירדיגען אויסזעהן איז ארייגעקומען. זיין פערזענליכקייט איז געווען ווי א שטראם פון ליכט. ער האט פארשפרייט פריינדליכקייט און גליק ארום זיך. אן איטאליענישער יונגערמאן מיט א הויקער, האט ממש אויפגעלויכטען פון פרייד ווען ער האט דערזעהן דעם לעהרער. פון יעדען איינעם און זיין פאמיליע, אדער באקאנטע פלעגט ער קריגען אדער רחמנות אדער פאראכטונג, נאר דעם לעהרער'ס באציהונג צו איהם איז געווען גלייך ווי צו אלע מענשען. אן אלט מיידעל, וועמעס איינציגער פארגעניגען אין לעבען איז געווען צו ווייזען דער וועלט אז זי קען זיך מיט א גרויסען מענשען, (ווייל דאס באווייזט דאך, אז זי איז אויך נישט אבי ווער), איז צוגעלאפען זיך באגריסען. עטליכע קליינע שילער זיינען איהם באפאלען און געהאלזט און געקושט. אייניגע יונגע לייט און דערוואקסענע מיידלאך, האבען יעדער באזונדער איהם געהאט עפעס ארייגצוריימען אין אויער אריין, און ער, דער לעהרער, האט פאר יעדען איינעם געהאט א גוט ווארט, א שמייכעל.

אט דא איז געשטאנען א מענש, וועלכער האט ליב די מענשהייט — נישט אין אבסטראקט. אין זיין באציהונג צו די ארימע איז געווען עפעס אזעלכעס, וואס די רוסישע שרייבער ווייזען ארויס — אויב מען קאן דאס אזוי אנרופען — ליבע־רחמנות; א טיפע סימפאטיע, וועלכע האט אויפגעבליצט צווישען איהם און יעדען איינעם, צו וואס פאר א שטאנד ער זאל נישט האבען געהערט.

ביז איך האב מיך מיט איהם באקאנט, האב איך מיר געטראכט: „ווי קום איך צו אזא גרויסען מענשען?" איך האב זיך געהאלטען פון דער ווייטענס. נאר אזוי שנעל ווי ער איז צוגעקומען, איז מיין שרעקעדיגקייט פארשוואונדען. נישט נאר האט ער מיך געמאכט פארגעסען דעם פיינליכען באוואוסטזיין פון מיין קליינקייט, נאר דורך עפעס א מין צויבער וואס ער האט ארייגעלעגט אין עטליכע איינפאכע ווערטער האט ער מיך געמאכט פיהלען ווי איך וואלט זיין פון דער גרעסטער וויכטיגקייט, ווי אהן מיר וואלט גאר קיין זאך נישט געקאנט געשעהן. אנשטאט צו פיהלען זיך גערריקט מיט דעם באוואוסטזיין פון מיין קליינקייט, האב איך זיך נאר דערפיהלט אין א דערהויבענער שטימונג.

שפעטער פלעג איך איהם זעהען אין גאס. ער איז געווען זעהר ארים אנגעטאן, ווייל ער איז געווען אן ארימאן. און אן ארעמאן איז ער געווען דורך פרינציפ. רייכקייט פאראכט, איז ער געווען ארעם. זיינע הויזען האבען געגלאנצט פון צופיל אבגעטראגענקייט, זיין ראק דאסגלייכען, און דאך האט זיך דאס נישט אנגעזעהען

(שלוס אויף זייט 14).

שטארקייט פון דער יוניאן, אזוי, דאס אין דעם ריכטיגען מאמענט ווערען פארגעסען אט די אלע קליינינקע אונטערשיידונגען און קריגערייען, און אלע ווי איינער קעמפען פאר זייער יוניאן.

ער האט אנגעוויזען אויף דעם איצטיגען קאמף אין פילאדעלפיע, אלס די בעסטע אילוסטראציע צו דער שטארקייט און גאנצקייט פון דער יוניאן. פארשוואונדען זיינען געווארען אלערליי מחלוקות אין דער יוניאן, און אויך וואס די מאנופעקטשורער האבען גענעמבעלט. מען הערט ניט קיין ווארט פון דער זאגענאנטער צוטיילטקייט אויף ראדיקאלען און קאנסערוואטיווע, נאר אלע ווי איינער קעמפען פאר זייער יוניאן. און אזוי איז דער פאל מיט יעדען לאקאל פון דער אינטערנעשאנאל. און קיין מאכט, ניט די מאכט פון דער אפענער רעאקציע, און ניט פון דער פארבאהאלטענער, וועלכע הילט זיך איין אין דעם רויטען מאנטעל פון אן עקסטרימען בלומרשדינען ראדיקאליזם, קען צוברעכען אונזער איינינקייט. און וועה צו די, וועלכע וועלען עס וואגען! די ארבייטער באוועגונג וועט מיט זיי האנדלען, ווי מיט פשוט'ע פאררעטער, ווי מיט די פארטנערס און העלפער פון דעם ארבייטערס שטארקסטען שונא, זיין דירעקטען עקספלואטאטאר.

אין זיין ווייטערער רעדע האט שלעזינגער איבערגעגעבען אין קורצען אלעס, וואס איז אויפגעטאן געווארען אין ניו יארק און אין די פארשיידענע אנדערע שטעדט, ווי ווייט ערפאלגרייך ביז איצט איז געווען די ארבייט פון דער אינטערנעשאנאל. און דאס די פילאדעלפיער וויסט מאנופעקטשורער זיינען דער איינציגער יוצא מן הכלל. אלעס, אלעס איז געטאן געווארען פאר דער אויסמיידונג פון דעם סטרייק. וויפיל כוח ער, פרעזידענט שלעזינגער, האט געהאט, האט ער אוועקגעלייגט אויף דעם, אבער די מאנופעקטשורער האבען דורכאויס באשלאסען צו פארניכטען די יוניאן, און זיי האבען מיט גוואלד דעם קאמף ארויפגעצוואונגען. און איצט טאר נאר קיין פראגע ניט זיין וועגען דעם אנהאלטען פון דעם קאמף. די גאנצע עקזיסטענץ פון דער אינטערנעשאנאל איז אין קאן אין דעם קאמף.

עס איז ניט געווען קיין איינציגער פון די פאראמעלטע פארטרעטער פון דער אינטערנעשאנאל, וואס זאל ניט פול און גאנץ איינשטימען מיט די ארויסגעבראכטע געדאנקען און געפיהלען אינ'ם פרעזידענט'ס רעפארט. נאר אין איין פונקט האט זיך ארויסגעוויזען א קליינע מיינונגס פארשידענהייט. וויים־פרעזידענט העלער האט ארגומענטירט, אז דאס נויטיגע געלט פאר דעם פילאדעלפיער קאמף זאל געשאפען ווערען ניט פון „דאניישאנס" פון די לאקאלס, נאר פון די אסעסמענטס, וועלכע די מייסטע לאקאלס זיינען שולדיג דער אינטערנעשאנאל.

א קליינע דעבאטע איז אנטשטאנען וועגען דעם, אבער דער קלארער ענטפער פון דזשענעראל סעקרעטאר באראף, אז די אסעסמענטס זיינען שולדיג די מעהרסטע לאקאלס, וועלכע מיט דעם בעסטען ווילען זיינען ניט אימשטאנד איצט צו באצאלען זייער חוב, און ווען מען זאל זיך פארלאזען אויף דעם, וואלט דער קאמף אין פילאדעלפיע געמוזט איבערגעלאזען ווערען אויף „גאט'ס באראט", האט געמאכט א שנעלען סוף צו דער מיינונגס פארשידענהייט, און מען איז געקומען צו דעם איינשטימיגען באשלוס, אז עס איז ניטא קיין אנדער וועג, ווי צו פינאנסירען דעם סטרייק, ווי נאר, דאס די קערפערשאפטען אונזערע, וועלכע זיינען אין שטאנד, זאלען געבען פול און גאנץ זייער באשטימטען חלק און מיט'ן גאנצען הארצען, ווייל דער קאמף אין פילאדעלפיא איז נים בלויז א קאמף פון אונזערע פילאדעלפיער שוועסטער און ברידער, נאר פון דער גאנצער אינטערנעשאנאל.

וועגען די אנדערע רעפארטען, ווי אויך וועגען איינינע געפאסטע באשליסע — אין אונזער נעקסטען ארטיקעל.

טעאטער טיקעטס פאר האלבען פרייז.

אונזער עדיוקיישאנאל דעפארטמענט האט געמאכט אראנזשמענטס מיט'ן אידישען קונסט טעאטער, מעדיסאן עוועניו און 27טע סטריט, דאס די מיטגלידער פון אונזער אינטערנעשאנאל זאלען באקומען טיקעטס צו האלבען פרייז פאר די פארשטעלונגען מאנטאג, דינסטאג, מיטוואך און דאנערשטאג אווענד, און שבת און זונטאג מאטינעס.

די מיטגלידער וואס ווילען באקומען די בילינע טיקעטס דארפען האבען א קארד צו ווייזען אין באקס אפיס פון טעאטער. די קארדס קאן מען באקומען אין אפיס פון עדיוקיישאנאל דעפארטמענט, 31 יוניאן סקווער. אזא קארד קאסט בלויז 5 סענט, און איז גוט פאר'ן גאנצען סיזאן.

ארבייטסלאזיגקייט און דער גראבער שטעקען

פון א. זעלדין.

ווי אלע לענדער, וואס זיינען ארויס זיעגרייך פון דער מלחמה, האבען מיר איצט א פראבלעם פון ארבייטסלאזיגקייט. דאס איז ניט די איינציגע פראבלעם, וואס איז געבליבען אלס דירעקטער רעזולטאט פון אונזער זיעג. מיר האבען אנדערע, פאליטישע און סאציאלע, וואס זיינען אפשר ניט פון קיין קלענערער וויכטיגקייט, ווי, למשל, די פראבלעם, ווי אזוי צו רעסטאבלירען אונזערע פאליטישע און ציווילע פרייהייטען, ווי אזוי צו דעמאקראטיזירען אונזער רעגירונג. אזוי האט שוין דער בלינדער שיקזאל באשטימט, אז די זיעגער־פעלקער זאלען זיך האבען מעהר צו „קראצען", ווי די באזיעגטע. ווי האט זיך איינער אויסגעדריקט: דייטשלאנד האט פארלארען די מלחמה, אבער זי האט געוואונען איהר פאליטישע פרייהייט; אמעריקא האט געוואונען די מלחמה, אבער דערפאר האט זי פארלארען א סך פון איהרע געוועזענע פרייהייטען.

מען האט געקענט וועגען דעם ענין זעהר א סך ריידען און דיסקוטירען, אבער מיר וועלען זיך דיזען מאל באנוגענען מיט דער ארבייטסלאזיגקייט־פראבלעם, ווייל אט די פראבלעם איז דער בולט'סטער און שארפסטער סימפטאם פון דער עקאנאמישער דיסארגאניזאציע, וואס האט נאכגעפאלגט דעם זיעג. און אפילו דא וועלען מיר מוזען די אורזאכען פון דער פראבלעם באריהרען ניט מעהר ווי אין אלגעמיינע שטריכען, און גלייך איבערגעהן צום אופן, ווי אזוי די פראבלעם ווערט מיסהאנדעלט.

פון די אורזאכען איז דא נויטיג צו דערמאנען בלויז איין איינציגען — דעם כאראקטער פון קאפיטאליסטישער פראדוקציע. ארבייטסלאזיגקייט איז קיין נייעס ניט. ארבייטסלאזיגקייט איז געווען א כראנישע קרענק אין די הויך־ענטוויקעלטע קאפיטאליסטישע לענדער זינט די מאשין־פראדוקציע איז אויף א גרויסען מאסשטאב איינגעפיהרט געווארען. גענומען האט זיך עס פון איבערפראדוקציע פון איין זייט און פון אונטערקאנסאמפציע פון דער צווייטער. אין אנדערע ווערטער — די ארבייטער מיט דער הילף פון מאשינען האבען פראדוצירט מעהר וויפיל דער געברויכער קלאס, דער קלאס וואס האט פאר וואס צו קויפען, האט געקאנט פארברויכען. דער ארבייטער אליין האט אזוי ווייניג פארדינט, אז ער האט ניט געקאנט פארברויכען, וויפיל ער האט באדארפט. עס פלעגט דעריבער מוזען קומען צו פעריאדישע אינדוסטריעלע קריזיסען, ווען די פאבריקען פלעגען איינגאנצען אדער טיילווייז געשלאסען ווערען, און די ארבייטער פלעגען אלע אדער טיילווייז בלייבען אהן ארבייט.

די צייטען פון פראספעריטי און קריזיס האבען זיך געביטען מיט אזא רעגעלמעסיגקייט, אז מען האט שוין כמעט געקאנט אויסרעכענען אין פאראויס, ווען דאס וועט געשעהען, פונקט ווי די אסטראנאמען רעכענען אויס אין פאראויס א לקוי חמה אדער לבנה.

אין די זעקס יאהר מלחמה, ספּעציעל אין די לעצטע יאהרען, איז אבער קיין ארבייטסלאזיגקייט ניט געווען. די מלחמה נויטען האבען געצוואונגען די רעגירונגען איינצופיהרען א ביסעל ארדנונג אין דעם עקאנאמישען כאאס, צו רעגולירען די פראדוקציאן און די פרייזען, אוועקצושטעלען די פראדוקציע מעהר אדער ווייניגער אויף א נאציאנאלען באזיס און דער רעזולטאט איז געווען פראספעריטי. די ארבייטער האבען אלע גוט פארדינט. זיי זיינען אליין אריין אין דעם קלאס פון געברויכער. זיי האבען אפילו אנגעהויבען קויפען „זיידענע העמדער" און „וואלענע קליידער", וואס האט אזוי שטארק געשטאכען די אויגען פון דעם קאפיטאליסטישען קלאס. בכלל איז דעם ארבייטער'ס לאגע באדייטענד פארבעסערט געווארען אין פארגלייך מיט דעם, וואס עס איז געווען פריהער.

צוריק געהן האט די עקאנאמישע לאגע פון דעם ארבייטער אנגעהויבען נאך ביים וואפענשטילשטאנד, אדער ריכטיגער, אין דער צייט פון די פרידענס פארהאנדלונגען אין פאריז, ווען דער דעמאלסדיגער פרעזידענט, וואודראו ווילסאן, צוריקקומענדיג אויף א ווייל צוריק אין וואשינגטאן, האט אפגעשאפט אלע רעגירונגס רעגולאציעס און האט צוריק אומגעקעהרט דעם פולען קאנטראל דעם קאפיטאליסטישען קלאס. עס האט זיך דאן אנגעפאנגען א וואקכאנאליע פון ספעקולאציעס. די פרייזען זיינען געשטיגען הימעל־הויך, דעם ארבייטער'ס פארדינסטען האבען ניט געקלעקט אויף אן אנשטענדיגען לעבען. עס האט זיך אנגעפאנגען א סדרה פון סטרייקס און לאקאוטס ביז די רעפובליקאנער אדמיניסטראציע האט געבראכט די לאגע צום איצטיגען צושטאנד. דאס איז געווען דער אומפארמיידליכער רעזולטאט פון די פאליסי „בעק טו נארמאלסי", וואס מר. הארדינג האט פראקלאמירט, אבער וועלכע איז באמת אנגעפאנגען געווארען פאר איהם פון מר. ווילסאנ'ס אדמיניסטראציע.

אבער אט די פאליסי האט געפיהרט א סך ווייטער, ווי די אדמיניסטראציע וואלט עס זיך געוואונשען, הגם מען מוז צוגעבען, אז דאס איז גארניט אזוי צום הארצען פון די גרויס־קאפיטאליסטישע אינטערעסען, וואס זעהען אין דעם איצטיגען קריזיס א געלעגענהייט צו ליקווידירען דעם ארבייטער און וועלכע האבען א סך מיטגעהאלפען איהם צו ברענגען. די רעגירונג איז אבער אומרוהיג. עס זיינען דא, ווערט געשאצט, ארום זיבען מיליאן ארבייטסלאזע און דאס דערצו אין די לעצטע זומער חדשים, ווען עס איז געווענליך דא מעהר ארבייט, ווי אין די איבעריגע סעזאנען.

אזא גרויסע ארמעע פון ארבייטסלאזע איז א גאנץ היבשע פאטענציאלע געפאהר. דער ארבייטער בכלל איז די לעצטע צייטען אביסעל מעהר קריגעריש געשטימט. דערצו געפינען זיך צווישען די ארבייטסלאזע א היבש ביסעל געוועזענע סאלדאטען, וואס האבען געשמעקט פולווער אין פראנקרייך און וועלכע מען האט אין די מלחמה יאהרען געלערנט די מלחמה קונסט. אזא ריזיגע ארמעע, ווען זי ווערט פארצווייפעלט, קען אין בעסטען פאל אנטאן א סך שאדען און אויב זי זאל נאך קריגען גוטע רעוואלוציאנערע פיהרער קאן זי ווערען אן אמת'ע געפאהר פאר דער „סאציאלער זיכערהייט", אויב ניט פאר דער גאנצער ארדנונג.

וואשינגטאן האט זיך דארום ארומגעזעהען אז זי דארף עפעס טאן און זי האט געטאן — פרעזידענט הארדינג האט פאררופען א קאנפערענץ צו שטודירען די פראבלעם פון ארבייטסלאזיגקייט.

די קאנפערענץ קאן נאטירליך גארנישט אויפטאן און זי וועט גארנישט אויפטאן וואס אנבאלאנגט פאקטישע רעזולטאטען. די קאנפערענץ איז אבער אינטערעסאנט אויב ניט צוליב קיין אנדער זאך איז ווי אלס סימבאל פון אונזער אפגעשטאנענקייט אין פארגלייך מיט אנדערע לענדער, ווי ענגלאנד למשל.

אין דער צייט וואס די ענגלישע ארבייטער פיהרער ערקלעהרען גאנץ קלאהר, אז זיי וועלען זיך מעהר ניט לאזען פארריידען די צייהן מיט קיינע פארשפרעכונגען און מיט קיינע קאנפערענצען און פאדערען א נאציאנאלע פאליסי אין באצוג צו דער ארבייטסלאזיגקייט, באנוגענט מען זיך ביי אונז דערווייל מיט א קאנפערענץ — א קאנפערענץ פון איינגעלאדענע געסט, די מעהרסטע פון וועלכע באלאנגען צום קלאס וואס זוכט צו פראפיטירען פון דער ארבייטסלאזיגקייט.

אבער די לאקאלע רעגירונגען „שלאפען אויך ניט". מעיאר היילען פון ניו יארק האט געגרינדעט א קאמיטע פאר ארבייטסלאזיגקייט און די באארד אוו עסטימייט האט באשטימט א סומע פון פינף־און־צוואנציג טויזענד דאלאר צו צאהלען שכירות צו עטליכע צעהנדליג אנגעשטעלטע פון דער „ארבייטסלאזער ביורא", וואס דעם מעיאר'ס קאמיטע האט געגרינדעט און וועלכע וועט געבען עטליכע צעהנדליג פאליטישע דזשאבס מעיאר היילאנ'ס פריינט.

אבער די נויארקער פאליציי „שלאפט אויך ניט." לעצטע וואך האט זי גענומען עטליכע פאגראמען אויף ארבייטסלאזע נאר אויף א גרויסען מאסשטאב. זי האט געשלאגען, געטראטען און גע'הרג'עט אויף אן אופן וואס האט דערמאנט דעם היסטארישען „רויטען זונטאג" אין פעטערבורג.

פרעגט זיך במילא די קשיה: היתכן? אויב די פעדעראלע רעגירונג פון איין זייט און די שטאטישע רעגירונג פון דער צווייטער זוכען וועגען און מיטלען צו העלפען זיי, פארוואס שלאגט די פאליציי אזוי גרויזאם די ארבייטסלאזע?

איז דער תירוץ מען דארף וויסען וואו דער חמור שטעהט!

די קאנפערענצען און די ביוראס זיינען ניט מעהר וואס מען רופט אן ביי אונז אין ווייס רוסלאנד — א מאניפארגע, א קאמופלאזש, א פארזוך צו שיטען זאמד אין די אויגען; וועהרענד דער גראבער שטעקען איז די אמת'ע רפואה פאר דער ארבייטסלאזיגקייט.

די פאליסי פון דער רעגירונג צו די ארבייטסלאזע זעהט אויס צו זיין זעהר קלאהר. מיר וועלען אייך קארמענען מיט קאנפערענצען. אויב איהר וועט זיין צופרידען איז אודאי גוט. אויב ניט — וועלען מיר אייך קארמענען מיט'ן גראבען שטעקען.

און טאמער וועט דאס זיין ווינציג האבען מיר וויין־באמבעס, און טאמער וועט דאס אייך אויך ניט בארוהיגען זיינען דא מאשין־ביקסען.

מיט'ן פאס

פון א. ראדוצקי.

שטרענג זיך אן אברהם'על,
שטרענג זיך ברודער אן.
דיין עקזיסטענץ פון לעבען
שטעהט דאך דא אין קאן.
האסט א ווייב און קינדער,
האסט אן ארעמע היים,
און געמאכט האסטו היינט
נאך קיין האלבען פיים.

ס'ברענען שטארק די פיס דיר,
ברעכען, טוען וועה?
ס'איז קיין תירוץ. ברודער,
שטרענג זיך אן, געה,
שלעפ זיך מיט דעם פעקעל,
אפשר וועט פאר דיר
ערגעץ וואו דאס מזל
עפענען א טיר.

כ'קריין די גרויסע שטאט דורך,
אין דער ברייט און די לענג,
צווישען מענשען מאסען
פורען און געדרענג.
כאפ א שטורך אין פלייצע,
א ביכשע אין דער זייט —
מענשען איילען, יאגען —
זיי האבען ניט קיין צייט.

עס נאיעט שטארק מיין הארץ;
פארזווירט איז דער געדאנק,
ס'לעכצט ניט נאך קיין עסען
אדער נאך געטראנק.
זאט איז דאס מיט שמערצען,
ביטערניש און גיפט.
יעדע רגע און שטונדע
האט בלוט פון דעם געטריפט.

ווייטער, ווייטער טרעט איך
איינגעבויגען און מיד:
מ'זיסט די מיה דיינע —
קלינגט ענטוישונג'ס ליד.
האסטו ניט געקלאפט דא
אין די טירען פריהער? —
אלע גאסען און הייזער
האבען איין קאליר.

די זון לאזט זיך ארונטער,
רויט דער מערב־ראנד.
עס שטרעקט דער אוונט אויס
א לאנגע טונקלע האנט.
ציהט אראפ דעם פארהאנג
פון דער שווארצער נאכט.
עס שלעפען מיינע פיס זיך
מידע און פארשמאכט...

8 אינטערנעשאנאל יוניטי סענטערס אין ניו יארק און ברוקלין

אכט אינטערנעשאנאל יוניטי סענטערס זיינען שוין אפען אין די פאבליק סקול בילדינגס אין ניו יארק און אין ברוקלין. די אדרעסען זיינען געדרוקט אין די עדיוקיישאנאל נאטיצען.

זאלען די מיטגלידער פון די לאקאלס ניט פארפעלען זיך איינצושרייבען אין די קלאסען. אינטערעסאנטע און באלערענדע קורסען זיינען פאר אייך אנגעגרייט. קומט לערנען.

געדענקט: וויסען איז מאכט!

לשנה טובה תכתבו!

THE STATE BANK

MAIN OFFICE

376-378 GRAND STREET

דער פרעזידענט, אפיסערס און דירעקטארס פון די סטייט באנק ווינשען צום נייעם יאהר תרפ״ב, 1921־1922, צו אלע זייערע דעפאזיטארס און צו אלע אידען בכלל א גליקליכעס און געזונדטעס יאהר

לשנה טובה תכתבו!

אכטונגספאל,

די סטייט באנק

376 גרענד סטריט

רעזיינערס יוניאן, לאקאל 45

(שלוס פון זייט 2).

נאך די רעדען פון לאנגער און פיינ־בערג, האבען גערעדט אייניגע פון די רע־זיינערס, יוניאן־לייט און ניט־יוניאן לייט, און אויך זייערע רעדעס האבען געמאכט א גוטען איינדרוק; עס האט אויפגע־הויבען דעם גייסט פון אלע אנוועזענדע, אלע האבען זיך גוט געפיהלט.

דער רעזולטאט פון דעם מיטינג איז געווען, דאס איבער צוואנציג נייע מיטגלי־דער האבען זיך פארשריבען אין דער יוני־יאן, און אלע וואס זיינען דארט געווען האבען זיך פארפליכטעט צו ארבייטען גע־טריי פאר דער יוניאן, ביז אלע רעזיי־נערס אין דעם פאך וועלען זיין ארגאני־זירט.

מ. לינקאף,

סעקרעטער לאקאל 45.

ליביט זאלב

אין ליביט זייף מאכט

שעהן, ריין, געזונד

ליביט זאלב נומער 1. — נעהמט ארונ־טער זומער שפרינקלעך, לישאיעס, פלע־קען, פימפעלס, א. ז. וו. די נעזיכט ווערט שעהן, ריין און יונג. פרייז 50 סענט.
ליביט זאלב נומער 2. — הײלט בייסונ־גען, אויכשלאגען, עקזעמא, סייקאזיס, הויט־קראנקהייטען. פרייז 50ס.
ליביט זייף — איז די ריינסטע זייף. עס פארהיט פון אלע הויט־קראנקהייטען, גוט פאר גרויס און קליין. פרייז 18 סענט.
אויב אייער אפטייקער האט עס ניט, דאן קענט איהר עס בעקומען אין די אפטייקען

165 סטענטאן סט. 36 עללען סט.

און 252 ריווינגטאן סט.

אויך מיט פאסט. שיקט דעם פרייז אין סטעמפס אדער מאני ארדערס.

LIBIT CHEMICAL COMPANY,

165 Stanton St. New York.

הארלעם סאציאליסטישער עדיוקיישאנאל סענטער

62 איסט 106טע סטריט,

צווישען פארק און מעדיסאן עוו.

צו פארדינגען א גרויסען האל

קאן ארייננעמען 600 מענשען

פאר קאנצערטען, בעלער, פארשטעלונ־גען, חתונות און אז. וו.

אויך אפיסעס און מיטינג רומס.

אפען יעדען טאג ביז שפעט ביינאכט.

טעלעפאן: הארלעם 9020.

טעלעפאן גרעמערסי 2441

די לעאנארד פרעס

42 איסט 23טע סט., ניו יארק

עקזאמינערס, באגראדערס, בושלערס יוניאן, לאקאל 82 א. ל. ג. וו. י.

אפיס: 78 א. 10טע סט. טעל. סטייוועסאנט 7787

ביים לעצטען מיטינג איז באשלאסען געווארען צו געבען א געלעגענהייט די ריקשטעהענדע מעמבערס אפצוצאהלען זייערע שולדען

ביז דעם 15טען אקטאבער, 1921

נאך דיזען דייט, וועט יעדער מעמבער מוזען צאהלען 50 סענט א סטעמפ, סיי אלטע, סיי נייע שולדען.

די 550 סענט געהט דאן אריין אין קראפט.

מיר בעטען די שאפ־טשערלייטע און יוניאן אפישעלס אויפמערק־זאם צו מאכען די מעמבערס וואס ארבייטען אין זייערע שעפער, צו באצאהלען זייערע שולדען זאפארט!

מיט ברידערליכען גרוס,

עקזעקוטיוו באארד לאקאל 82

מ. גרייפער, פרעזידענט. מ. י. אשפיז, סעק. מעג.

קלאוק פינישערס יוניאן, לאקאל 9

אויפמערקזאם!

מיר פאדערען אויף אלע מעמבערס וועלכע האבען לעצטענס געמופט פון זייערע וואוינונגען אדער הודך און אנדער אורזאכע געביטען זייער אדרעס, גלייך צו לאזען וויסען אייער נייעם אדרעס אין אונזער אפיס פון לאקאל.

עס איז זעהר וויכטיג און נויטיג.

עקזעקוטיוו באארד לאקאל 9

איזידאר סארקין, מענעדזשער.

קורצע שמועסען
צווישען דעם רעדאקטאר
:: און די לעזער ::

ב. ג. — איהר האט אונז שלעכט פאר־שטאנען. מיט אונזערע נאָטיצען האבען מיר נים באצוועקט צו זאגען, אז די געזעלשאפט איז די ארבייטער גארנים שולדיג; דוקא יא — זי איז מעהר, ווי אלע אנדערע, שול־דיג אין דעם איצטיגען קריזיס, און עס וואלט באדארפט זיין איהר העכסטע פליכט צו העל־פען די מיליאנען ארבייטסלאזע מיט אלע כחות. אָבער מיר האבען מורא, אז זי וועט עס נים טאן. ווען מען זאגט איצט „געזעל־שאפט", מיינט מען דאך די רעגירונג און די גרויסע קאפיטאליסטען. פאר די אבער איז דער קריזיס, ווי מיר האבען ערקלערט, דוקא ווי געוואונשען. דער קריזיס העלפט זיי צוריק איינצופיהרען דעם צושטאנד פון „נאר־מאלסי", וואס מיינט פשוט ארבייטען פאר א הונגער־לוין. די ארבייטער מוזען זיך וועה־רען געגען דעם. און מיר געפינען, אז דער איינציגער מיטעל איז דער, וואס מיר האבען פארגעשלאגען. נאטירליך, וואלטען אונזערע יוניאנס געהאט גרויסע בענעפיט־פאנדען פאר אזעלכע פעלע פון ארבייטסלאזיגקייט, וואלט אזא ראדיקאלער מיטעל, ווי מיר האבען פאר־געשלאגען, געווען נים נויטיג. ווען אונ־זערע ארבייטסלאזע וואלטען געקאנט קריגען בלויז 10—15 דאלאר די וואך, וואלטען זיי שוין געקאנט איבערקומען די בייזערע צייט, און די באסעס וואלטען זיך נים געקאנט באנוצען מיט זיי, ווי מיט א וואפע געגען די יוניאנס. אבער לײדער זיינען אזעלכע פאנדס נישא אין קיינער פון אונזערע יוני־אנס, טו בלייבט דאך נים קיין אנדער מיטעל, ווי דער פארגעשלאגענער. דער מיטעל איז נים אויספיהרבאר, זאגט איהר, ווייל די מער־סטע מעמבערס זיינען נאך ווייט נים אזוי אויפגעקלערט, און ווייל זייער עגאאיזם איז נים נאר נים קיין ברייטער, קיין אויפגע־קלערטער, נאר א זעהר שמאלינקער, ענג־הער־ציגער. אויב דאס איז ווירקליך אזוי, איז טאקי זעהר שלעכט. אבער אונזער חוב איז געווען אויפמערקזאם צו מאכען אויף דעם. יעדענפאלס קען עס נים שאדען צו מאכען א פארזוך אין דער ריכטונג. אפשר זייט איהר דאך אין טעות וועגען דעם כאראקטער פון די מעהרסטע מעמבערס.

אלעקסאנדער, פאריז. — גענאסע שלע־זינגער האט אונז פארגעלייענט אייער פער־זענליכען בריף צו איהם, און מיר האבען איהם געבעטען צו לייען אונז דעם בריף אויף א ווילע און פארעפענטליכען איהם אין דער „גערעכטיגקייט". דער בריף איז פול מיט דאס, וואס מיר רופען דא אויף ענגליש, קא־מאן סענס, איז אויך דורכגעדרונגען מיט א געפיהל פון אמת'ען וועה איבער די איצטיגע לאגע. מיר לאדען אייך איין אפט צו שרײ־בען דירעקט פאר די „גערעכטיגקייט". איין מאל א מאנאט וואלט געווען נים צופיל, און מיר וואלטען זיך געפיהלט צו אייך באמת פארפליכטעט.

דר. מ. א. — מיר געפינען נים דאס געדיכט גוט גענוג. איהר מעגט איהם דארום שיקען אין אן אנדער צייטונג, אפשר וועט ער דארט מעהר מזל האבען.

ב. שעהן. — מיר פארעפענטליכען די רע־זאלוציע אנגענומען אויף דעם קופער־יוניאן מיטינג פון 29טען סעפטעמבער. וואס אנבא־טרעפט אייערע „איינדריקע", קענען מיר זיי נים פארעפענטליכען, ווייל, ערשטענס, איז עס שוין צו שפעט, און צווייטענס, זיינען עס נים קיין איינדריקע, נאר א לויב־געזאנג אויף לאקאל 1, אויף די אפעריטארס, וואס פאר פארשגעשריטענע און פורכטלאזע מענשען זיי זיינען, אז זיי האבען אפילו קיין מורא נים געהאט צו רופען א מיטינג און צו ערקלערען, אז דער מעמאראנדום איז א גוואלדיגע „גע־פאר פאר די ארבייטער", און דארום „נידער מיט איהם". דאס זיינען נים קיין איינדרי־קע, נאר א מיינונג, לאמיר האפען, א כשר־פארדינטע, אבער וועלכע וואלט געווען א באמת חשוב'ע, ווען זי קומט פון א זייטי־גען מענשען, נים פון'ם מענעדזשער פון לא־קאל אליין. יע, זאל נאך צוגעגעבען ווערען, אז לויט אייער בריף, איז אויף דעם מיטינג קיינער פון די יוניאן־פיהרער נים אטאקירט געווארען, און די גאנצע פראגע איז דיסקו־טירט געווארען זעהר געלאסען און מיושב־דיג. אום אויסצומיידען מיספארשטענדנישע פאר דער צוקונפט, בעטען מיר אייך אונז אריינצושיקען אייערע רעפארטען, באריכטען און אנדערע יוניאן־מאטעריאלען נים שפע־טער ווי מאנטאג פריה, זאנסט קענען זיי נים פארעפענטליכט ווערען, ווי דאס האט, לייד־דער, דאס מאל פאסירט.

אידענזקאם. — מיר דרוקען דאס צוגע־שיקטע שטיקעל נייעס אהן שום דאקומענטען. געוויס, ווען אונזער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד וועט אויף זיין נעקסטען פערטעל־יער־ליכען מיטינג באטראכטען און באשליסען אי־בער די פראגע, ווי דאס געזאמעלטע געלד זאל פארווענדעט ווערען, וועט זיכער גענומען ווע־רען אין אנבעטראכט אויך דער געשריי נאך הילף פון די אידישע רוסישע קאלאניסטען פון חערסאנער, יעקאטערינאסלאווער און אנדערע גובערניעס.

מ. טוכמאן. — איהר זייט גערעכט, ווי באלד מיר האבען פארעפענטליכט ברודער שעהנ'ס ארטיקעל איבער דעם מעמאראנדום, באטש מיר זיינען מיט איהם לחלוטין נים איינפארשטאנען, קענען מיר נים ענטזאגען זיך פון פארעפענטליכען אייער בריף. מיר קענען אייך נאר בעטען איבערצולייענען נאך אמאל אונזערע פאר ווערטער איבער דעם מע־מאראנדום אין לעצטען נומער „גערעכטיג־קייט", אפשר וועט איהר דאך איינזעהן, ווי איהר און פילע צוזאמען מיט אייך מיספאר־שטעהען די גאנצע אנגעלעגענהייט. דא ווי־לען מיר נאר זאגען, אז איהר שרעקט זיך פאר שאטענס. וואס אנבאטרעפט אייער טענה, וואס דער קלאוקמאכער ארבייט אזוי ווייניג, אז כדי ער זאל האבען גענוג צו לעבען, וואלט ער באדארפט פארדינען 150 דאלאר א וואך, האט איהר ביי אונז דאס באלד גע'פועל'ט. די צרה איז אבער, דאס אונזער מיינונג איז דא נים זעהר וויכטיג. דער בעל הבית האט אויך א שטיקעל דעת. נאר פונדעסטוועגען, ווען די יוניאן אונזערע איז שטארק און מעכטיג, קען פילעס אויסגעפירט ווערען. אבער... און אין אט אין דעם „אבער" איז די גאנצע וויכטיג־קייט. וואס מיינט עס א שטארקע יוניאן? מיינט עס א יוניאן, וואס איז היסטעריש? א יו־ניאן, וואס מאכט פון א פליג א העלפאנט? א יוניאן, וואס שלאגט זיך, ווי דאן קיכאט, מיט ווינדמילען? מיר האבען מורא, אז אזא יוניאן ציינט דערמיט ארויס מעהר איהר שוואכקייט, ווי איהר שטארקייט. דער באס האט אין געוויסע גרענעצען איטער געהאט דאס רעכט צו סעקען אן ארבייטער. נאטיר־ליך, ער האט געמוזט אפגעבען דין וחשבון, ווארום ער סעקט איהם. אין דעם פרט האט דער זאגענאנטער מעמאראנדום גארנים מחדש געווען. אויך איצט מוז דער באס איבערצייגען פאר א קאמיסיע, א העלפט פון וועלכער זיינען ארבייטער־פארשטעהער, אז ער האט געהאנדעלט ריכטיג, האבענדיג אפגעזאגט א געוויסען ארבייטער. דער נייער ארבייטער וועט נים ארויסשטופען די אלטע ארבייטער, ווי איהר האט עס מורא, שוין דערפאר אליין, ווייל זיי זיינען די מאיאריטעט אין שאפ, און עס איז זייער ארבייטס־לייסטונג, וואס דינט, אלס דער באזיס פון דעם, צי איי־נער איז פראדוקטיוו אדער נים. אלזא, אייער גאנצע מורא און געשריי איז גרונדלאז. מיר בעטען אייך און אונזער גאנצע מעמבערשיפ איבערצולייענען און זיך אריינצובראכטען אין דעם ענטפער און אין אונזער נאטיץ איבער דער פראגע אין לעצטען נומער „גערעכטיג־קייט", אפשר וועט איהר דאך איינזעהן די גרונדלאזיגקייט פון אלע אייערע באהויפטונ־גען.

ל. אנטאניני. — מיר האבען דעם בריף, וועלכען איהר זאלט האבען צוגעשיקט צו אונז דעם 12טען אויגוסט, קיינמאל נים ערהאל־טען, און אונז וואונדערט, ווארום איהר האט אזוי לאנג געווארט און ערשט אנדערהאלבען מאנאטען שפעטער שיקט איהר אונז נאך אמאל דעם בריף. דער בריף איז אבער פיל צו לאנג, און מיר קענען איהם נים פארעפענטליכען. מיר ווילען דארום, אויס גערעכטיגקייט צו אייך, אין קורצען איבערגעבען זיין אינהאלט. אויף דער פארזאמלונג פון דער עקזעקוטיוו באארד פון אונזערע לאקאלס פאר דעם צוועק צו שאפען הילף פאר דאס הונגערענדע רוס־לאנד, האט איהר פארגעשלאגען, אז די בא־אמטע פון דער אינטערנעשאנאל זאלען גע־טעקסט ווערען מיט א וואך וויידזשעס. אז די ארבייטער קענען געבען א האלבען טאג וויידזשעס, מעגען די אפיסערס, וואס קריגען ווי־דזשעס דורך דאס גאנצע יאהר, געבען א גאנ־צע וואך. ברודער באראף, דער טשערמאן פון דעם מיטינג, האט אייער פארשלאג צוריקגע־וויזען אויף דעם גרונד, אז אזא פארשלאג קען נאר געמאכט ווערען אויף א ספעציעל־איינבארופענעם מיטינג פון די יוניאן־באאמ־טע. צו דער זעלבער צייט, ווי איהר אליין שרייבט, האבען אייניגע באאמטע געהאלטען אייער פארשלאג בלויז אלס שפאס, אדער אלס עטוואס, וואס איהר האט נים געמיינט ערנסט. איהר אין אייער בריף באשטעהט אויף דעם, אז איהר האט עס געמיינט זעהר ערנסט, אז די פיהרער פון דער יוניאן דארפען זיין די ער־שטע צו ווייזען א ביישפיל צו די, וועמען זיי פאדערען אויף צו אפפערען א האלבען טאג וויידזשעס, באטש די צייט פאר די ארבייטער איז אזא ביטערע. איהר זייט פון דער מיי־נונג, אז אירגענד א באאמטער פון דער אינ־טערנעשאנאל, וואס זאל זיך אנטזאגען צו מאכען דעם ביישראג, וואס איהר גלויבט ער דארף ביישראגען, איז נים ווערט צו האלטען אזא אמט און קען נים באטראכט ווערען אנדערש, ווי א דזשאב־האלדער. איהר וואונ־דערט זיך, ווארום אזא מיטינג פון די יוניאן־באאמטע איז נים גערופען געווארען. אויך מיילט איהר מיט אין אייער בריף, דאס אזוי ווי די אפיסערס פון דער דזשוינט באארד פון דעם דרעס און וויסטמייקערס יוניאן האבען זיך געטעקסט מיט א טאג פון זייער געהאלט, האט איהר אריינגעשיקט אייער טשעק פון 25 דאלאר און איהר זייט נאך איטער פערטיג פון אייער זייט ביישטייערן א גאנצע וואך פון אייערע וויידזשעס, אויב די אנדערע באאמטע פון דער אינטערנעשאנאל. דער רע־דאקטאר איינגעשלאסען, וועלען האנדלען אין איינקלאנג מיט אייער פארשלאג. דאס איז אין קורצען דער אינהאלט פון אייער בריף. מיר האבען גארנים וואס נייעס צו זאגען וועגען דעם. מיר האבען שוין אונזער מיינונג גע־זאגט וועגען אייער פארשלאג אין דעם נומער „גערעכטיגקייט", וואס איז ערשינען נאך דער קאנפערענץ. פיהרער, וועלכע ווילען ווייזען א ביישפיל פון גרויסמוט, זיינען ווילקאמען. קיינער אבער טאר נים מאכען קיין פארשלאג, וואס זאל ארויסצווינגען אויף זיי אזא האנד־לונג, ווייל דאן פארלירט שוין די האנדלונג איהר גאנצען ערציהערישען און פיהרענדען כאראקטער. לײדער פארשטעהט איהר עס אבער נים, ברודער אנטאניני.

ל. פלאמהאלץ. — נים נאר איהר, נאר אויך מיר האבען נים פארשטאנען דעם זאין אין דער קריטיק. עס האט באדארפט זיין: זוי האבען זיך ג ע ש ע ה מ ט ריידען אי־דיש. האט עס דער זעצער נים געקאנט איבער־לייענען, אויך נים דער קארעקטאר, און דער שרייבער איז נים געווען אין ניו יארק. הא־בען זיי באשלאסען, נאך אן אלגעמיינער בא־ראטונג, אז דאס מיינט ש י ס ע ן!! איז עס אזוי געבליבען.

י. ערדלשטיין. — מיר פארעפענטליכען מיט פארגעניגען אייער בריף. מיר מוזען אבער זאגען, אז איהר זייט דער איינציגער, וואס זייט פול און גאנץ מיט אונז איינפארשטא־נען. פון דער אנדערער זייט האט מען גע־ענטפערט אויף דעם מיט א גרויסען, מעכטיגען שווייגען, און אייניגע זאגאר מיט אביסעל קריטיק, וואס מיר פארנעהמען זיך מיט אזעל־כע פוסטע פאנטאזיעס.

מ. צינקין. — וועט פארעפענטליכט ווערען, אפשר וועט עס אויף פילע מאכען די זעהר נויטיגע ווירקונג אין דער פראגע: וואס די יוניאן האט פאר זיי אויפגעטאן?

מ. קאמין. — געוויס קענט איהר. אין אונזערע יוניטי סעטערס פרעגט מען נים אויף קיין פאספארטען, און כאטש אונזער בילדונגס־דעפארטמענט איז הויפטזעכליך פאר אונזערע אייגענע מעמבערס, זיינען אבער פר־ביימער אין אלגעמיין, אויב זיי זיינען נאר יוניאן־ארבייטער, אויך גאנץ ווילקאמען. פאר דאס אויפמערקזאם מאכען אויף דעם דרוק־פעהלער — א דאנק.

ה. ד. — די דעבאטע וועגען דעם איז גע־שלאסען.

ה. לעווין. — אייער בריף ווערען מיר אי־בערגעבען צום מענעדזשער. דער פראבעל איז, דאס איהר גיט נים אן די נעמען פון די, וועלכע האבען געמופט און קריגען דאך די צייטונג. דאס וואלט די ארבייט פיל לייכ־טער געמאכט אין דעם מיילינג דעפארטמענט.

ב. ג—ן. — א זעהר שעהנע, אידעאלע זאך. פיליכט שוין עטוואס צו ראפינירט. וועט פארעפענטליכט ווערען.

וויסט און דרעס מאכער אויפמערקזאם

נעמענדיג אין אנבאטראכט דעם צושטאנד אין דער אינדוסטריע, די אלגעמיינע ארבייטסלא־זיגקייט און דעם שטילשטאנד אין די שעפער, האט דער דזשאינט באארד באשלאסען, דאס דיזען יאר זאל קיינעם אין די שעפער נים ערלויבט זיין צו ארבייטען

שבת נאכמיטאג אדער זונטאג

צוליב די יום טובים.

מיר ווילען אבער זיין צופרידען צו שיקען אין די שעפער עקסטרא ארבייטער אויף ארויסצוהעל־פען, צו העלפען פארטיג מאכען די נויטיגע אר־בייט.

דער באשלוס וועט שטרענג דורכגעפירט ווע־רען און די וואס ווילען נים אויספאלגען ווילען פון דער יוניאן באשטראפט ווערען.

דזש. באארד וויסט און דרעס מאכער יוניאן

דזש. האלפערין, דזשענ. מענעדזשער. מ. ק. מאקאוו, סעקרעטער.

קלאוק פרעסערס יוניאן לאקאל 35

אויפמערקזאם.

א רעגעלער מיטינג

— פון —

אלע פרעסער פון ניו יארק

וועט אפגעהאלטען ווערען

מאנטאג אוונט, דעם 10טען אקטאבער

אין „פארווערטס" האל, 175 איסט בראדוויי

די בראנזווילער פרעסער

וועלען מיטען

דעם שבת, דעם 8טען אקטאבער

אין בראנזווילער לייבאר ליסעאום, 219 סעקמאן סט.

אלע מיטגלידער פון לאקאל 35 זיינען געבעטען צו קומען צו די מיטינגען און אנטייל נעמען אין לעבען פון דער יוניאן. עס זיינען דא אויפ'ן טאגעס־אורד־נונג זעהר וויכטיגע פראגען, מיט וועלכע אלע מיטגלידער דארפען זיך אינ־טערעסירען. זאלען אלע מיטגלידער קומען צו די מיטינגען.

דזש. ברעסלאו, מענעדזשער.

נאר געקאנט הערען ווי אין האל עפענען זיך און פארמאכען טירען. און ווי מענשען געהען אויף די שפיץ פינגער נעהענטער צו דער סטודיא זיך צוצוהערען. פארביינעהענדע פלעגען זיך אפשטעלען זיך צוצוהערען. פרויען פון דער נאכבארשאפט פלעגען זיך צורוקען צום פארטש זיך צוצוהערען. עס זיינען געווען צוויי אוידיענצען, — א זיכטבארע און א ניט-זיכטבארע. פון ביידע האט זיך געצויגען א שטראם פון ליבע און ברכות צו דעם קינסטלער. דער שטראם האט זיך קאנצענטרירט אין איהם און האט זיך געצויגען צוריק צו די צוהערער הונדערטמאל פארשטארקט.

נאר די גרעסטע צוגעבונדענקייט און ליבע איז געווען צווישען איהם און די קינדער. זיי זיינען אלע געלאפען צו איהם מיט לייכטענדע פנים'לעך, און זיינען געפאלען אין זיינע ארעמס מיט מעהר צוטרויען ווי צו זייערע אייגענע עלטערען. זיי האבען איהם אלע אריינגערוימט זייערע סודות. אלע האבען זיי איהם געקושט מיט דעם הארציגען ענטוזיאזם וואס נאר קינדער קאנען אויסדרוקען. נישט איינמאל פלעג מען געפינען אין דער סטודיא קוויטלאך מיט קינדערשע שריפט: „טייערער דאקטאר, איך ליב דיך דו ביזט דער בעסטער מענש אין דער וועלט".

איינמאל האט א קליין מיידעלע געזאגט: דו ווייסט, איך זאג קיינמאל נישט אויס ווי ווענינ געלד דו נעמסט, ווייל מען קאן נאך מיינען אז דו ביזט א שלעכטער לעהרער. אזוי איז דאס מיידעלע געווען באזארגט צו באשיצען איהר לעהרער פון א שלעכטע רעפוטאציע. אין איין וועג איז דאס אויך געווען א טרויעריגע אפשפיגלונג פון מיינונגען פון די עלטערע, וועלכע מעסטען אלצדינג מיט דער מאס פון געלד.

א זעהר כאראקטעריסטישען אינצידענט האט איינער פון זיינע פריינד דערצעהלט אין זיינער א פאעמע.

צו זיין סטודיא זיינען געקומען צוויי קליינע מיידלאך, זיינע שילערינס.

„העלאו, קליינע קאמעראדען", האט ער זיי באגריסט, „קומט אריין".

איינע האט אנגעהויבען: „מיר האבען דיך מורא צו פרעגען, נאר מיר ווילען."

„מיינע טייערע קינדער," האט ער זיי פארזיכערט, „איהר מעגט מיך פרעגען וואס איהר ווילט, און איך וועל ענטפערען, אויב איך וועל עס נאר קאנען."

„און דו וועסט נישט זיין בייז אויף אונז?"

„אפילו נישט א קליין טראפעלע בייז."

„מיר האבען דיך געוואלט פרעגען, צי דו טראגסט א פארוק, צי די האר זיינען דיינע אייגענע?"

דער מוזיק מייסטער האט ערנסט געענטפערט: זיי זיינען אינגאנצען אייגענע. און איך קאן עס אייך באווייזען."

„ווי אזוי?"

„איהר קאנט זיי נישט אראפשלעפען. אנו פרובירט." ער האט איינגעבויגען זיין קאפ און יעדעס פון די מיידלאך האט אנגענומען א זשמעניע מיט האר און געריסען, וועהרענד ער האט געדרעהט דעם קאפ ביז עס האט איהם וועה געטאן."

„יעצט זעהט איהר שוין אז דאס זיינען מיינע אייגענע האר?", האט ער געפרעגט.

„יא, און מיר גלייכען דיינע האר, און דיך אויך," האט איין מיידעלע געזאגט.

„קושט-זשע מיך, און זאגט מיר צו קיינמאל נישט מורא האבען צו שטעלען מיר א פראגע, ווען איהר וועט וועלען עפעס וויסען."

אזוי לעבט צווישען אונז איינער — א צענטער פון ליבע, ליכט און פרייהייט. א מענש, וועלכער גיט זיין לעבען אוועק לערנען די קינדער פון די ארימע מאסען גוטע מוזיק, און ווי פון איהר הנאה צו האבען. און ער טוט זיין ארבייט ערנסט, הארציג, פריינדליך און שטיל. קיין בלאזען פון טרומייטערס, קיין אדווערטייזען. קיינע אפישען רייסען נישט אויף די אויגען מיט זיין נאמען. דאס ברייטע פובליקום ווייסט פון איהם ווענינ.

ווי עס איז דער פאל מיט מענשען וואס גיבען זייער בעסטעס און שטילערהייט, וועט מען געוויס אויך וועגען איהם אנהויבען ריידען נאך זיין טויט. צו די צוקונפטיגע דורות וועט ער זיין באקאנט דורך זיינע רעוואלוציאנערע ווי אויך אנדערע לידער.

זיין ברייטהארציגקייט זעהט זיך אם בעסטען ארויס דורך זיין שטעלונג צו זיינע קאלעגען. אויב עס איז נאר פאראן א פונק טאלאנט ביי איינעם וועט דער מוזיק-מייסטער באלד דארויף אנווייזען. פראפעסיאנעלע אדער אירגענד וועלכע אנדערע אייפערזוכט איז איהם פרעמד.

דעזיינערס פאר פרויען קליידער ווערען זעהר פיעל פארלאנגט!

לייכט צו לערנען און פיעל געלט צו פארדינען!

הונדערטע לייטע האבען שוין אויסגעלערנט אונזער מעטאדע און יעצט פארדינען זיי פיעל געלט.

נעהמט איצט א קורס

— אין די —

מיטשעל סקול

אין דעזיינינג פאר פריען, מיסעס און קינדערשע קליידער. א קורס אין מיטשעל סקול מיינט א באלדיגע פאזישאן און גרויסע געהאלט.

די מיטשעל סקול אוו גארמענט דעזיינינג, פעטערן מייקינג, גריידינג און פיטינג פאר פרויען קליידער. עטאבלירט איבער 50 יאהר מיט דעם גרעסטען ערפאלג.

נייע אידעען. נייע סיסטעמען. בעסטע מעטאדען. בעסטע רעזולטאטען. פריוואט אונטערריכט אין אידיש. טאג און אווענט קלאסען. גוטע באדינגונגען.

שרייבט, טעלעפאנירט אדער קומט פאר א פרייען בוקלעט, דעמאנסטריישאן און פולע אינסקינפטע.

אווענט קלאסען: מאנטאג, מיטוואך און פרייטאג.

MITCHELL DESIGNING SCHOOL

912-920 BROADWAY (Cor. 21st St.), NEW YORK

Phone: Stuyvesant 8383

Boston Branch: 453 Washington Street, Dexter Building.

דעזיינינג און סקעטשינג

א וואונדערבארע פראפעסיע!!!

פארלירט ניט די געלעגענהייט — פאנגט אן גלייך.

איהר קאנט ווערען א פעטערן מאכער און א גארמענט סקעטשער אין דריי מאנאטען אדער אין נאך וויינינער. מען דארף ניט האבען קיין עקסטרא טאלאנט אויסצולערנען זיך דעם „מאדערן סיסטעם" פון פעטערן-מייקינג, גריידינג, דראפטינג, גארמענט סקעטשינג, פיטינג און דרייפינג פון ליידיס, מיסעס און טשילדרענס קלאוקס, סוטס און דרעסעס.

פריוואטע לעסאנס פון פראקטישע עקספערטען—מעסיגע פרייזען.

קומט אירגענד וועלכען אווענד פון 7 ביז 9. שבת נאכמיטאג, פון 2 ביז 4.

די מאדערן פעשאן אקאדעמי.

114 וועסט 44טע סט., רום 701. אנטקעגען דעם בעלאסקא טעאטער.

מיר גיבען גערעכטיגקייט

צו די וואס ווילען לערנען

דעזיינינג, פעטערן-מייקינג און גריידינג

פון פרויען, מיסעס, דזשוניארס, טשילדרענס און אינפאנטס גארמענטס.

זעהט העם

הויפט קאלעדזש פאר דעזיינינג פעטערן מייקינג

פראפ. י. ראזענפעלד,

דירעקטאר.

222 איסט 14טע סטריט, ניו יארק.

קויפט אויסשליסליך

טאמביא טהעע

צוועטאטשני טשאי

וויט לילי טהעע.

קלאוק אפערייטארס יוניאן לאקאל 1

א. ל. ג. וו. י.

ספעשעל נאטים

ברידער, אייך איז זיכער באקאנט די אויסערגעוועהנליכע סלעק וואס ס'הערשט אין טרייד. מיר ווייסען אז די גרעסטע צאהל שעפער ארבייטען ניט אויס קיינע פולע וואכען. הונדערטע קלאוקמאכער האבען אבער גאר ניט קיין דזשאבס און זיי מוזען ארויפגעזעצט ווערען אין די שעפער. דער אפיס טוט אלעס מעגליכעס צו באקומען פאר זיי פלעצער. מיר פאדערען אבער פון אייך, איהר זאלט אונז ארויםהעלפען. נעהמט ארויף אזוי פיל אפערייטארס אין אייערע שעפער ווי נאר מעגליך.

טוט אייער פליכט צו אייערע ברידער קלאוקמאכער און העלפט זיי אויך פארדינען א פאר וואכען ווידזשעס דעם סיזאן.

ארבייט ניט אווערטיים ביז אלע מאשינען ווערען באזעצט.

מיט גרוס,

די עקזעקוטיוו קאמיטע פון לאקאל 1

ב. קאפלאן טשערמאן. בערנארד שעהן, מענעדזשער-סעק.

טשערלייטע פון די קלאוק שעפער

אויפמערקזאם

איהר ווערט אויפגעפאדערט ניט צו לאזען ארבייטען ביי אייך קיין נאכט ארבייט ביז וואנען אלע פלעצער זיינען ניט פארנומען מיט אפערייטארס, פרעסערס, פינישערס, קאטערס, עקזאמינערס, א. ז. וו.

א דאנק דעם פארשפעטיגטען סיזאן, געהען נאך ארום פיעלע ארבייטער לעדיג. עס איז אייער פליכט אלס יוניאן לייטע און פאר אייער אייגענער טובה אלס ארבייטער צו זעהן, אז עס זאלען ניט זיין קיין לעדיג געהערס אין טרייד.

מיט טרייד יוניאן גרוס,

ל. לאנגער, סעקרעטער.

דזשאינט באארד קלואקמאכער יוניאן

דער מוזיק מייסטער

(שלוס פון זייט 11).

אויף איהם. פארקעהרט, עס האט זיך אויסגעדאכט, אז ער איז גאנץ עלעגאנט און אריגינעל אנגעטאן. זיין „אנדעריש־קייט" האט זיך געווארפען אין די אויגען. מעגליך אז דעם איינדרוק האט מען באקו־מען דורך זיין נאבעלעם קאפ, ארומגע־רינגעלט מיט העל־בלאנדע לאקען, וועלכע האבען ארויסגעקוקט פון אונטער זיין ברייטען הוט; מעגליך פון זיין הויכער פיגור; אדער פיהייכט פון זיין פריינד־ליכען פנים. ווער ווייסט? נאר אויף יעדען איינעם האט ער געמאכט אן איינ־דרוק, יעדער האט געפיהלט זיין אויסער־געוועהנליכע פערזענליכקייט, און פארביי־געהענדיג האט מען זיך נישט ווילענדיג נעפרעגט: ווער איז ער?

שפעטער־צו האב איך זיך מיט איהם נעהענטער באקאנט, און אנגעהויבען אריינקומען אין זיין סטודיא. דארטען איז יעדער געווען ווילקאמען. דאס איז געווען א פלאץ, וועלכער האט אפגעשפי־געלט זיין פערזענליכקייט, זיינע סימפא־טיען, און זיין ארבייט. אריינקומענדיג האט א שלאג געטאן זיין ארטיסטיש אויפגעשריבענער מאטיוו: „איך לעב צו ליבען, צו לאכען, און צו לערנען." איך האב געוואוסט אז דאס זיינען נישט גלאט ווערטער. איבער דער פיאנא איז גע־האנגען דאס בילד פון דעם קעניג פון פיאניסטען, יאזעף לעווין. ארום זיינען געווען א גרופע בילדער פון אנדערע שטע־רען פון דער מוזיקאלישער וועלט. אבי־סעל ווייטער האט וואגנער שטייף דירי־גירט אן ארקעסטער. פון אונטער זיין געוואלדיג גרויסען שטערען האט גריג אראפגעקוקט מיט א שמייכעל אין די אויגען. איבער דעם מאנטעלפיס איז גע־ווען אראנזשירט א רויטע גאלעריע. דא האט איינעם באגעגנט לענינ'ס פריינדלי־כער שמייכעל; קארל ליבקנעכט און ראזא לוקסענבורג האבען טרויעריג געקוקט איי־נע אויף די אנדערע ווי זיי וואלטען זא־גען: די מענשען זיינען אזוי נאריש, זיי דערקענען נישט זייערע פריינד." טראצקי, ענטשלאסען ווי אימער, האט אויסגעזעהען צו פיהלען זיך מוטיג צווי־שען זיינע קאמעראדען. לונאטשארסקי, מיט א טיפען קנייטש אויפ'ן שטערן, האט באטראכט די בעסטע וועגען פון בילדונג. באקונין און מארקס האבען געקוקט איינע אויף די אנדערע פון דער זייט, גרייט צו יעדער צייט זיך אנצוהויבען רייסען.

דער פארטעפיאן איז געווען פארלעגט מיט קאמפאזיציעס. פילע פון זיי, ווען מען האט זיך צו זיי צוגעקוקט, זיינען גע־ווען אונטערגעשריבען פון דעם מוזיק לעה־רער אליין.

אויפ'ן טיש זיינען געלעגען אנגע־ווארפען צייטשריפטען און בראשורען, וועמעס נעמען עס האבען געלאזט וויסען אויף וואס פאר א גראד פון רעוואלוציא־נערען דענקען, דער בעל הבית פון צימער שטעהט.

דער ביכערשראנק האט ענטהאלטען א גרויסע אויסוואהל פון ביכער. קינדער מעשה'לאך, וועלכע די קינדער האבען גע־גליכען; קינדער געשיכטעס, וועלכע הא־בען אמוזירט אי די גרויסע, אי די קליינע; ראמאנען, סקיצען, דראמען, פאעזיע, ביאגראפיע — קורץ, אן אויסוואהל אין וועלכען יעדער געשמאק האט זיך געקאנט צופרידענשטעלען — אויסער דער שלעכ־טער געשמאק. ווייל יעדער איינער פון די דאזיגע ביכער אין וואס פאר א פארם ער זאל ניט געווען זיין, איז שטענ־דיג געווען דער בעסטער פון זיין מין. די וועלכע האבען נישט געקאנט לייענען אין ענגליש האבען זיך געקאנט אמוזירען מיט זאמלונגען פון קונסט פאטאגראפיעס.

די אלע ביכער, צייטשריפטען און בראשורען זיינען שטענדיג געווען אין גע־ברויך. די טיר איז געווען אפען פאר יעדען איינעם וואס איז געקומען מיט פריינדליכע אבזיכטען. זי איז געווען אפען אין דעם בוכשטעבליכען זין פון ווארט. ווייל קיינער האט נישט באדארפט אנ־קלאפען אין טיר. יעדער איינער איז גע־קומען ווי צו זיך אהיים — ניין, נישט ווי צו זיך אהיים, ווייל ליידער פיהלען זיך א סך מענשען געשטיקט און געדריקט אין דער היים, — נאר ווי צו א צופלוכטס ארט, פריי פון יעדען דרוק און קאנווענ־ציאנאליטעט. דאס ווארט „דארף" האט דא ניט עקזיסטירט. מ'האט געקאנט קו־מען אביסעל ריידען, אדער דעבאטירען, אדער פארגלייכען מיינונגען, צו לעזען, אדער גאר שווייגען. מען איז געווען פריי זיך אויסצושטרעקען אויף דער סאפע, זיך אנידערזעצען אויף דער ערד אדער אויף דעם טיש.

אפט פלעגט זיך צונויפקלייבען חברה יונגנווארג, עטליכע מיידלאך האבען שוין געזעהען דערצו אז עס זאל זיין וואס צו קייען, עטליכע יונגעלייט האבען זיך איינ־געשטעלט דאס לעבען און געקראכען עט־ליכע פלעשער וויין. אז מען האט בא־פרידיגט דעם מאגען איז געווארען פרעה־לאך אויפ'ן הארצען. די אטמאספערע איז געווען אזא אז מען האט זיך לייכט נעקאנט פארגעסען. א זארגלאזע לוס־טיגקייט האט יערען ארומגעכאפט. מען האט פארגעסען אין אלע מאטערנדיגע קליינינקייטען, ווער עס האט געהאט עפעס א שטיקעל טאלאנט, האט עס ארויסגעוויזען. דעם עולם, אונטער דעם איינפלוס פון פרעהליכקייט, איז לייכט געווען צו באפרידיגען. איינער האט גע־טאנצט, און אלע האבען אפלאדירט מיט דעם גאנצען הארצען; איינער האט גע־זונגען און אלע האבען נאכגעזונגען מיט פארגעניגען; איינער האט פארגעלעזען אדער דעקלאמירט און אלע האבען זיך צוגעהערט מיט דער גרעסטער אויפמערק־זאמקייט.

די דאזיגע פראגראמען זיינען געוועהנ־ליך געווען ספאנטאן, און פארשיידען. נאר געוועהנליך, אלס פינאל פלעגט דער מוזיק מייסטער אליין צוגעהן צו דער פיא־נא. אבסאלוטע שטילקייט. מען האט

Happiness For Every Home

לשנה טובה תכתבו.

— קויפט אייער וויקטראלא דירעקט פון —

סאול בוירנס

גרויסארטיגע, שעהנע אינסטרומענטע, וועלכע גיבען ארויס א קלארען טאן. פיינע ארבייט, אויסגעשטא־טעט מיט די לעצטע פאטענטירטע אויסבעסערונגען. פאר דעם פרייז פון $100 איז עס א זעלטענע מציאה. נאך מעהר איז עס דורך אונזער ספעציעלען אפפער.

— א ספעשעל אפפער יעצט —


SONORA — $100.

VICTROLA — $100.

$100

עכטע וויקטראלא אין פיריאד קעבינעטס, אויף דיזען סייל בלויז $100

וויקטראלא, גראפאנאלא
בלויז $5 מאנאטליך

סאנארא פאטהע
בלויז $5 מאנאטליך

מיט $10 רעקארדס, צוזאמען $110

אהנע איינצאהלען

— אנדערע סטיילס פון $25 ביז $1,250 —

א סייל פון פיאנאס און פלייער פיאנאס וואס טויזענדע האבען פערלאנגט, מיט א פרייז וואס גיט א מעגליכקייט יעדען צו בעזיצען א מוזיקאלישען אינסטרומענט.


דיזע נייע אפרייט
פיאנא
$275
בלויז 2 דאלאר א וואך

דא האט איהר אן אויסערגעוועהנליכע געלעגענהייט

א משענס צו קויפען א פיאנא פון קוואליטי און סוירוויס צו א גרויסער שפארונג פאר אייך!

דיזע פיאנאס, וואס שטעלען מיט זיך פאר די פיינסטע אינסטרומענטס וואס זיינען ווען געמאכט געווארען, סיי אין טאן, סיי אין קאבינעט — זיינען ספעציעל רעדוצירט געווארען, און דער פאקט, וואס זיי ווערען פערקויפט אין סאול בוירנס סטארס גיט זיי א דאפעלטע גאראנטי — פון דעם מייקער און פון סאול בוירנס.

און אום צו מאכען מעגליך פאר כמעט יעדע פאמיליע, צו פערמאגען א פיאנא אויף פסח, וועלען מיר געבען די ליבעראלסטע בעדינגונגען.


דיזע פראכטפאלע נייע
פלייער-פיאנא
$495
בלויז 3 דאלאר א וואך

מיר טרויען אייך. קיינע גאראנטיעס און קיינע רעפערענס איז נויטיג

אונזערע סטארס זיינען אפען יעדען אבענד ביז 10 און זונטאג ביז 6 אוהר.

SAUL BIRNS

STORES OF SATISFACTION

DOWN TOWN	BROOKLYN	WASH. HEIGHTS	BRONX
111 סעקאנד עוו.	1730 פיטקין עוו.	595 וו. 181טע סט.	813 וועסטשעסטער
ניער 7טע סט.	ניער [illegible] סטריט	קאר. סט. ניקאלאס עוו.	ניער [illegible] עוו.
		סאבוויי בילדינג	סטייט באנק בילדינג
פהאון: 8271 ארטשארד	פהאון: גלענמאר 7894.	פהאון: 9097 [illegible]	פהאון: 2896 מעלראוז

GERECHTIGKEIT—(JUSTICE)

גערעכטיגקייט

ארבייטער פון אלע לענדער, פאראייניגט אייך, און די וועלט וועט זיין אייער!

בצדקתי החזקתי ולא ארפה. (איוב, כ"ז, 6). אין מיין גערעכטיגקייט האלט איך זיך שטארק, און וועל איהר ניט אפלאזען.

אפיציעלער ארגאן פון דער אינטערנעשאנאל ליידיס גארמענט װאירקערס יוניאן

Vol. III. No. 42. | New York, Friday, Oct. 14, 1921. | פרייטאג, דעם 14טען אקטאבער, 1921 | PRICE 3 CENTS

פילאדעלפיער וויסט מאנופעקטשורערס כאפען זיך פאר אינדזשאנקשאנס

עס וועט זיי העלפען ווי א טויטען באנקעס. — די סטרייקער קעמפען מיט דערזעלבער באגייסטערונג ווי ביז יעצט. — „מיר וועלען קעמפען ביז דער סטרייק וועט געוואונען ווערען, ווי לאנג דאס זאל ניט געדויערן", זאגט פרעזידענט שלעזינגער. — דער קאמף וועגען א סעטלמענט.

דער וויסט און דרעסמאכער סטרייק אין פילאדעלפיע געהט שוין אריין אין דער זיבעטער וואך. אבער וואס מאכט עס אויס? די צייט האט דעם ענטוזיאזם פון די סטרייקער אויף א האר ניט אפגעקיהלט, זיי קעמפען היינט מיט'ן זעלבען מוט ווי דעם ערשטען טאג, ווען דער סטרייק האט זיך אנגעהויבען.

אין אונזערע רייהען האט מען דאס, אייגענטליך, געוואוסט פריהער, און דאס איז פאר אונז ניט קיין וואונדער. מיר האבען געוואוסט, דאס וויבאלד די מיטגלידער פון לאקאל 15 האבען באשלאסען צו סטרייקען, וועלען זיי עס טאן מוטיג און בראוו, ביז דער גערעכטער קאמף זייער וועט פאלשטענדיג געוואונען ווערען. א וואונדער איז עס אין דעם לאגער פון די באלעבאטים. זיי, הפנים, כאטש מיר ווייסען ניט ווארום, האבען יע געמיינט, אז זאל זיך נאר דער סטרייק אביסעל פארציהען, וועלען די סטרייקער באלד לויפען צו זיי, זיך בעטען די פריהערדיגע פלעצער, אהן אירגענד וועלכע באדינגונגען. עס איז שווער צו באגרייפען, פון וואנען עס האט זיך גענומען צו יענע באסעס אזא געדאנק; ווי עס איז געקומען צו זיי צו האבען וועגען זייערע ארבייטער אזא נידעריגע מיינונג! מעגליך אפשר, אז מאנכע פראוואקאטארס האבען זיי געבראכט אזעלכע „גוטע נייעס" און די באסעס איז עס געווים געווען העכסט אנגענעם צו גלויבען, האבען זיי זיך עס געלאזט איינשמועסען.

איצט אבער, זעהען זיי שוין, אז זיי האבען זיך אפגענארט. זיי ווייסען שוין איצט, אז זיי האבען זייערע ארבייטער ווייניג געקאנט און נאך ווייניגער פארשטאנען. איצט זעהען זיי שוין, אז דורך דעם בייטש פון הונגער וועלען זיי דעם מוט פון די סטרייקער ניט ברעכען, און זיי כאפען זיך פאר אנדערע מיטלען — אינדזשאנקשאנס, אפשר וועט דאס העלפען, און זיי האבען זיך אוועקגעלאזען אריבער די קארטס נאך אינדזשאנקשאנס.

אבער אויך דאס וועט ניט העלפען די באסעס. זיי וועלען מוזען נאכגעבען די גערעכטע פארדערונגען פון די סטרייקער, און ערשט דאן וועט דער סטרייק זיין פאראיבער.

איין זאך איז קלאר, וואס מאכט די וויסט און דרעסמאכער באסעס פון פילאדעלפיע זיך נאך אלץ צו האלטען שטייף. דאס איז די שלעכטע צייט. עס איז סאי ווי סאי ניטא קיין ארבייט, טא מעגען זיי דאך נאך אלץ זיין שטייף ביי זיך. וואלט נאר געווען א גוטער סעזאן, וואלטען זיי איצטער שוין גערעדט אנדערע ווערטער.

לעצטע וואך, א שטייגער, האט א פארטרעטער פון דעם סעקרעטאר אוו קאמערס, הערבערט הואווער, זיך געוואלט אריינמישען, און ברענגען צו א סעטלמענט פון דעם סטרייק. די יוניאן האט אין דעם קיין האנד ניט געהאט, זי האט נאר ניט געוואוסט דערפון. אבער ווען הואווער'ס פארטרעטער האט געהערט וואס די חוצפה'דיגע באסעס פון פילא-

(שלוס אויף זייט 16).

קלאוקמאכער יוניאן וועט העלפען דעם סאציאליסטישען קעמפיין

דער דזשאינט באארד פארשפרעכט פאלשטענדיגע הילף און קלייבט אויס פאר דעם א ספעציעלע קאמיטע.

א קאמיטע פון דער סאציאליסטישער פארטיי אין ניו יארק, באשטעהענד פון די אנגעזעהענע גענאסען, אלדערמאן ב. וולאדעק, דזשוליוס גערבער, עדווארד קעסערי און ה. לאנג האט זיך מיט א וואך צוריק געווענדעט צום דזשאינט באארד פון דער קלאוקמאכער יוניאן און פארלאנגט הילף אין דעם היי-יאהריגען קאמפיין. גענאסע ב. וולאדעק איז געווען דער הויפט רעדנער פאר דער קאמיטע.

צווישען אנדערעס האט גענ. וולאדעק אנגעוויזען אויף דעם צושטאנד אין און ארום דער סאציאליסטישער פארטיי. ער האט אויך אנגעוויזען אויף דעם ספעציעלען כאראקטער פון דער אידישער טרייד יוניאן באוועגונג, ווי זי איז אימער געשטאנען מיט דער סאציאליסטישער פארטיי זייט ביי זייט, און געוויזען א ביישפיל ווי די טרייד יוניאן באוועגונג און די סאציאליסטישע באוועגונג קאן ניט און טאר ניט צושיידט ווערען. מיר האבען זיך איינע די אנדערע כסדר געשטיצט, גייסטיג געשטיצט — האט וולאדעק געזאגט, — מיר האבען אונטערגעגעבען קוראזש איינע די אנדערע, סאי אין די קאמפיינס און סאי צווישען די קאמפיינס — אלע מאל זיינען מיר איינס געווען. איצט קומען מיר צו אייך וועגען קאמפיין אזוי ווי אלע יאהר, און איהר וועט זיך געווים אפרופען ווי אלע יאהר."

וולאדעק האט אויך אנגעוויזען די ספעציעלע באדייטונג פון דעם היי-יאהריגען קאמפיין. ווען דער קאנדידאט פאר מעיאר, גענ. פענקין, וועט באקומען א ריזיגע צאהל שטימען און מען וועט אויך קאנען אנווייזען אויף א באדייטענדע צאהל ערוועהלטע אסעמבלימען און אלדערמען, „דאס וועט זיין אן אויפלעבונג פאר דער גאנצער סאציאליסטישער באוועגונג פון לאנד", האט וולאדעק געזאגט און איז שטארק אפלאדירט געווארען.

גערבער האט גערעדט וועגען די סאציאליסטישע טראדיציעס הינטער דער קלאוקמאכערס יוניאן און די גאנצע אינטערנעשאנאל.

נאך די רעדעס פון די קאמיטע לייט האט דער טשערמאן, ברודער ל. פינקאווסקי, אויפגענומען א רייהע פארשלעגע וואס זיינען געמאכט געווארען פון די דעלעגאטען וועגען דעם ווי צו העלפען דעם סאציאליסטישען קאמפיין, און די מערסטע פון די פארשלאגען זיינען אויפגענומען געווארען פון די אנוועזענדע מיט בייפאל. עס איז באשלאסען געווארען צו העלפען דעם סאציאליסטישען קאמפיין מיט אלע מעגליכקייטען און פאר דעם צוועק איז אויסגעקליבען געווארען א ספעציעלע קאמיטע.

פאלגענדע פערזאנען זיינען אין דער קאמיטע: קושנער, פון לאקאל 1; שווארץ, לאקאל 3; יאנאוויטש, לאק. 9; אנשעל, לאק. 10; ברעם, לאק. 11; לעווענטהאל, לאק. 17; קאנעל, לאק. 23; בערנשטיין, לאק. 35; מאליסאנא, לאק.

(שלוס אויף זייט 5).

אינהאלט-פארצייכניס

„גערעכטיגקייט" נומער 42

זייט 2. די וואך. — מאקס ד. דאניש.
מיטינג פון די וויסטמאכער יוניאן לאקאל 25 — טשארלס דזשייקאבסאן.
זייט 3. צוויי מיטינגען פון עקזעקוטיוו באארד לאקאל 22 — י. שעהנהאלץ.
קוויטירונגען פון די וויסט און דרעס שעפער פאר רוסלאנד — מ. ק. מאקאוו.
זייט 4. עדיוקיישאנאל דעפארטמענט — מ. לעווין.
זייט 5. טרייד און ארגאניזאציאנס פראגען — בריף איבער פארשיידענע פראגען.
זייט 6. וואס הערט זיך ביי די רייינקאוטמאכער פון לאקאל 20? — ס. פרידמאן.
קוויטירונגען פון די קלאוק שעפער פאר רוסלאנד.
זייט 7. ענינים פון אונזער אינטערנעשאנאל אין דער פרעסע. — א סטעף רעפארטער. ניט היינט געדאכט! — מ. צינקין.
זייט 8. פון רעדאקטאר'ס נאטיץ-ביכעל.
זייט 9. מיט דעם דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד אויפ'ן פערטעל-יעהרליכען מיטינג אין פילאדעלפיע. — ש. יאנאווסקי. לידער — מ. פערעלמוטער.
זייט 10. דער שטרייק-קאמף אין אלטע און נייע צייטען — פיליפ קראנץ. יום כיפור געדאנקען — דזש. העלער.
זייט 11. אלערליי פון פילאדעלפיע — י. מ. פרענקאוויץ.
זייט 12. קורצע שמועסען.
זייט 13, 14 און 15 — אדווערטייזמענטס.
זייט 16. שפיל פון דער אינטערנעשאנאל קליידער ארבייטער פעדעריישאן פאר דער וועט רוסלאנד — וואו דער היים. שלדתען.

דער ערשטער יאהרעספעסט פון דעם יוניאן העלטה סענטער

אויף א שעהנעם, פאסיגען אופן איז לעצטען מיטוואך, דעם 5טען אקטאבער, געפייערט געווארען דער ערשטער יאהרעספעסט פון דעם יוניאן העלטה סענטער, א זעהר וויכטיגע אינסטיטוציע, וואס ווערט אויפגעהאלטען פון איינינע אינטערנעשאנאל לאקאלס אין ניו יארק. דער יום טוב איז געפראוועט געווארען טאקי אין דער בילדינג פון דעם יוניאן העלטה סענטער, אין 131 איסט 17טע סט.

צו דער שמחה זיינען געלאדען געווארען אלע עקזעקוטיוו באארדס און די באאמטע פון די לאקאלס וואס האלטען אויף די אינסטיטוציע, די באאמטע פון די דזש. באארדס פון די קלאוקמאכער, און פון די וויסט און דרעסמאכער יוניאנס, און אויך אנגעזעהענע מענשען, אין אונזער אינטערנעשאנאל און אין דער געזעלשאפט בכלל. אלע געלאדענע זיינען געקומען און דער אודיטאריום פון דעם יוניאן העלט סענטער איז פול געווען מיט באזוכער. עס זיינען אויך אנוועזענד געווען אלע דאקטוירים פון די מעדיקאל קליניקס און פון דעם דענטאל קליניק און זיי האבען זיך אמוזירט צוזאמען מיט די געסט.

די הויפט בעלי שמחות פון דעם אווענט זיינען, פארשטעהט זיך, געווען דר. דזשארדזש מ. פרייס, דער דירעקטאר פון יוניאן העלט סענטער און אונזער וויס-פרעזידענט ה. וואנדער, דער טשערמאן פון דעם באארד אוו דירעקטארס, באשטעהענד פון פארטרעטער פון די לאקאלס וואס האלטען אויף און פארוואלטען דעם יוניאן העלט סענטער.

ברודער וואנדער איז געווען דער טשערמאן פון אווענט. ער האט געעפענט די פארזאמלונג, ערקלעהרענדיג אין קורצען דעם כאראקטער פון דעם אווענט, און ווי אזוי די אינסטיטוציע איז געשאפען געווארען און ער האט פארגעשטעלט דר. דזשארדזש מ. פרייס אלס ערשטען רעדנער.

דר. דזשארדזש מ. פרייז האט געהאלטען א זעהר אינטערעסאנטע רעדע, וועלכע האט שטארק פאראינטערעסירט אלע אנוועזענדע. ער האט געשילדערט ווי נאטירליך עס איז, דאס פון דעם „דזש. באארד אוו סאניטארי קאנטראל" איז ארויסגעוואקסען דער יוניאן העלט סענטער. גלייך — זאגט ער — ביים אנפאנג, ווי מען האט אין דער ליידיס גארמענט אינדוסטריע געשאפען דעם „דזש. באארד אוו סאניטארי קאנטראל", אויפצופאסען אויף די ריינליכקייט אין די שעפער, האט זיך ארויסגעוויזען, דאס מען מוז אויפפאסען אויף דעם ארבייטער'ס געזונט, אין שאפ און אויך אויסער'ן שאפ, און דער יוניאן העלט סענטער איז א גאנץ נאטירליכע ענטוויקלונג פון אט דער באוועגונג. ער ווייזט אן, ווי פאר דעם געזונט פון די ארבייטער איז עס געווען העכסט נויטיג צו שאפען דעם יוניאן העלטה סענטער, מיט אלע זיינע מעדיקאל און דענטאל קליניקס און ער לויבט זעהר די באוואוסטזיניגקייט פון די יעניגע אינטערנעשאנאל לאקאלס,

(שלוס אויף זייט 16).

נעדענקסט דעם יוניטי קאנצערט דעם 28טען אקטאבער אין קארנעגיע האל

פרייטאג אווענט, דעם 28טען אקטאבער, וועלען אלע פריינד פון דער יוניטי הויז פון אונזערע וויסט און דרעס מאכער זיך טרעפען אין קארנעגי האל צו דעם קלאסישען קאנצערט, וואס ווערט געגעבען צום בענעפיט פון דער יוניטי הויז אין פארעסט פארק. קיין זאך טאר ניט צוריקהאלטען די פריינד פון דער יוניטי הויז צו זיין אויף דעם קאנצערט. אחוץ דעם, וואס מיט דעם וועלען זיי העלפען די יוניטי הויז קאמיטע דעקען א טייל פון דעם דעפיציט, וועלען זיי אויך געניסען אן אווענד פון קלאסישע מוזיק, פארגעבראכט פון ערשטע קלאסע, וועלט-בארימטע קינסטלער.

די מעהרסטע צייט פון אווענט וועט פארנעהמען ע מ י ד ע ס ט י ן, די וועלט-בארימטע סאפראנא פון מעטראפאליטען אפערא הויז. זי וועט זינגען אריעס פון באוואוסטע אפעראס און אויך פאלקס-לידער.

דאן קומט דער פידעל-שפילער ראדריק וויטה און דער פיאנא שפילער דזשארדזש לאפירי. עס וועט געגעבען ווערען א רייכער פראגראם און דער גאנצער אווענט וועט געווים זיין א זעהר געניסרייכער.

זאל דעריבער קיינער פון אייך ניט פארפעהלען צו זיין דארט.

אחוץ די רייכע מוזיק, וואס מען וועט דארט הערען, דארף זיין א צווייטע צוציהונג צו קומען אויף דעם קאנצערט — דאס, וואס דארטען וועלען זיך צונויפטרעפען אלע די, וואס האבען געשלאסען פריינדשאפט אין דער יוניטי הויז. זאלען אלע די פריינד זיך צונויפטרעפען פרייטאג אווענט, דעם 28טען אקטאבער, אין קארנעגי האל און אפפרישען זייער פריינדשאפט.





דר. בארנעט ל. בעקער

דער נייער דור און דער אלטער

צוויי דורות מיט איין און דיזעלבע טראדיציע

מיט קארגע 20 יאהר צוריק, ווען דר. בעקער האט ערעפענט זיין ערשטען אפטיקעל אפיס אויף דער איסט סייד, האט ער דאן באהאנדעלט טויזענטער יונגע מענשען און קינדער. דאס איז געווען דער דאמאלסדיגער יונגער דור. היינט זיינען דיזע מענשען אויסגעוואקסען, עלטער געווארען און איצט קומען זייערע קינדער צו דר. בעקער'ן — דאס איז דער איצטיגער נייער דור.

אזוי קומט איין דור נאך א צווייטען — פריהער די עלטערען, נאכהער די קינדער צו דעם זעלבען דר. בעקער, וועלכער האט מיט זיין עהרליכע און אויפריכטיגע באהאנדלונג זיך ערווארבען אזא נאמען און זיך ערהויבען צו אזא פאפולאריטעט. אין דעם פראקטישען לעבען איז זעהר זעלטען, אז איין דור זאל נאכטאן דעם צווייטען, אז דער קינד זאל געהן אין דעם זעלבען דרך פון די עלטערען. די צייט אליין פראגרעסירט, און צוזאמען מיט איהר די מענשהייט. און דערפאר ווען עס פאסירט, אז דער לעצטער דור נעהמט אויף די טראדיציעס פון דעם פריהערדיגען דור איז עס אן ערשיינונג פון דער העכסטער וויכטיגקייט.

די אורזאכע פארוואס דר. בעקער איז אזוי פאפולער ביי דעם איצטיגען דור איז, ווייל ער האט גוט געדינט דעם לעצטען דור. און אז איהר וועט באמערקען די גרויסע צאהל קינדער — קינדער וועלכע הויבען ערשט אן צו געהן אין סקוהל און אנדערע אויף וועלכע עס ליגט שוין דער יאך פון לערנען — וואס קומען אריין אין דר. בעקער'ס אפטיקעל אפיסעס, וועט איהר פארשטעהן דעם סוד פון דר. בעקער'ס רעפוטאציע אלס אפטישען אין דעם אידישען קווארטאל.

דר. בעקער האט זיך שטענדיג ערנסט אינטערעסירט מיט די אויגען פון יונגע קינדער. און אום זיי צו קענען דינען אם בעסטען האט ער שטענדיג געזוכט צו איינפיהרען אין זיינע אפיסעס די נייעסטע אינסטרומענטען וואס די וויסענשאפט האט ערפונדען.

און גרויס איז היינט די צאהל פון די אמאליגע קינדער און היינטיגע ערוואקסענע מענשען וועמען דר. בעקער האט געראטעוועט פון א פינסטערען שיקזאל.

צו די עלטערען, וועלכע האבען קינדער, מאכט דר. בעקער א ספעציעלען אויפרוף. אויב דער געזונט פון אייערע קינדער איז אייך טייער אויב איהר האפט זיי אויפצוהאדעווען אויף א געזונטען באדען אויב איהר ווילט אז זיי זאלען ערדרייכען אין לעבען דעם ציל צו וועלכען זיי זיינען געניינט דאן שענקט אייער פארזיכט צו זייערע אויגען.

עס זיינען דא זעהר ווייניג מענשען וועלכע פארשטעהען די וויכטיגע ראלע וואס נארמאלע, געזונטע אויגען שפילען אין דעם לעבען פון דעם מענשען. די מעדיצינישע וויסענשאפט האט שוין לאנג באוויזען די שלעכטע ווירקונג וואס אנגעשטרענגטע, שוואכע אויגען האבען אויף דעם גאנצען פיזישען צושטאנד פונ'ם מענשען. א קינד מיט שוואכע אויגען קען נים לערנען, פארלירט די שארפקייט פון זכרון און מיט דער צייט הויב עס אן צו ווירקען אויף דעם גאנצען יונגען נערווען סיסטעם און שוואכט אפ דעם קערפערליכען כח. פאסט אויף אויף אייערע קינדער'ס אויגען, הויפטזעכליך די סקוהל-קינדער און איהר וועט זיי פארשפארען א סך ליידען, און זיך — פיל עגמת נפש. דר. בעקער האט די פולע מעגליכקייט, סיי דורך די פאלקאמענע נייעסטע וויסענשאפטליכע אינסטרומענטען און סיי דורך די בעסטע פראפעסיאנעלע קרעפטען, וועלכע זיינען מיט איהם פארבונדען, צו העלפען אייך און אייערע קינדער אויב די אויגען נויטיגען זיך אין זיין הילף.

אויב אייערע אויגען הויבען אן צו ווייזען די ערשטע סמנים פון שוואכקייט איז עס פאר אייער אייגענער טובה דאס נים צו פארלאזען צו לאנג.

דר. בארנעט ל. בעקער

אפטאמעטריסט און אפטישען

5 אפטיקעל ברענטשעס:

215 איסט בראדוויי
ניער קלינטאן סטריט

102 לענאקס עווענױ
נעבען 116טע סטריט

895 פראספעקט עווענױ
נעבען 163טע סטריט

1709 פיטקין עווענױ
נעבען ראקאוועי עווענױ

262 איסט פארדהעם ראוד, בראנקס.

צוליב די יום־טובים, און פאר די בעקוועמליכקייטען פון די וואס מוזען יעצט טראגען ברילען, וועלען מיר האלטען אפען אונזערע אפיסעס יעדען זונטאג ביז נאך יום כפור און דאן וועלען מיר ווידער שליסען יעדען זונטאג.